ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

## תורת החסידים הראשונים

חלק ג' והוא:

## ספר חסידים החדש

(בלשון הקודש ואידיש)

44

הוצאת אמונה

ברוקלין נוא יארק,

שנת תשל"ג לפ"ק

ב"ה

ספר

# חסידים החדש

## חלק שלישי מספר תורת החסידים הראשונים

והוא הדרך חיים כולל דינים והנהגות טובות וישרות ומילי דחסידותא נלקטו מש"ס ופוסקים וספרי מוסר וספרי קבלה ע"י חד מגאוני וגדולי קדושי קדמאי זיעא וסדרן לז' ימי השבוע וכל ההוגה בו יזכה לרב טוב הצפון בזה ובבא ומובא בספר תורת הקנאות להגאון יעב"ץ זצ"ל בדף ע"א ובס' שם הגדולים לרבינו חיד"א זצ"ל והעתקתיו גם בזארגאן לזכות את הרבים.

הק' יהושע אלטר ווילדמאן אבד"ק קאנסקיוואליע מלפנים אבד"ק ביליראדקי כעת חונה פה ירושלם עיה"ק תובב"א.

בעה"ם ספרי עמק יהושע, בנין יהושע, ברכת יהושע, ואמרו אמן ב"ח כלאאמו"ר הרב הגאון הצדיק המפורסם ר' אלימלך אבד"ק מיזאטש וצללה"ה אשר מנוחתו כבוד פה עיה"ק ירושלם תובב"א נין ונכד להאי סבא קדישא ... ר' אלימלך בעהמ"ח ספר נועם אלימלך ולמעלה בקודש אבותי הקדושים הרמ"א והמג"ע והתוי"ט כולם זצוקללה"ה וזכותם יגן עלינו ועכי"א.

אין כדי אנצוטיילין דעם הייליגין פאלק ישראל מיט דעם נייסטליכען פערגעניגען אז אלע זאלין פארשטיין דיא טייערע געדאנקען פון דעם הייליגען ספר חסידים החדש וועלכע זענען אדערוועקינג אויף צו בלאזין דעם יודישין פונק צו אלע מענטשין האבין מיר דעם הייליגען ספר איבער גיזעצט אויף זארגאן אז יעדער מענטש זאל דאס באר שטיין לזכות את הרבים:

שנת תר"ץ תובב"א

בעיה"ק ירושלים תובב"א

דפוס „יהודה וירושלים" מול בתי הורינשטיין

## הסכמת הרב הגאון המפורסם בדורו אבד״ק נ״ש והמדינה יע״ש.

הנה כאשר ראיתי את הספר **דרך חיים** הכולל מילי דחסידותא הנחוצים מאוד לכל איש ישראל לעבודת הש״ית והנהגות טובות וישרות לקרב לבות ישראל לאבינו שבשמים ואשרי האיש ההוגה בו תמיד ומקיים מה שנאמר בו כי הוא נלקט מש״ס ופוסק״ס וספרי מוסר וספרי קבלה ע״י חד מגדולי גאוני וקדושי קדמאי אשר מרוב צדקתו וענותנותו של המחבר הק׳ העלים שמו רק הדברים בעצמם מעידים ומסהידים שהם דברי אלקים חיים לכן מן הראוי שכל איש ישראל יקח את הספר בכסף מלא וכל המסייעים והמחזיקים להוציא לאור את הספר הקדוש הזה יונעם ויאושר חלקם ועכלם אורך חיים בימינם ועושר וכבוד בשמאלם וישכנו בטח דשנים ורעננים **הבא עה״ח** יום א׳ לסדר כתבו את התורה הזאת ולפ״ט **אשרינו** מה טוב.

נאום הק׳ **מרדכי** בנעט רב ואב״ד דפ״ק **נ״ש** והמדי׳ה

---

## ז״ל המו״ל בפעם שני׳ באלטונא שנת תקס״ג לפ״ק.

ספר **דרך חיים** בחסידות ודרך הקודש אשר בו ירוץ צדיק ונשגב בדרכי אל איזהו דרך ישכון אור ישרים ובכל תושי׳ יתגלע כפלים ליתן אומר המבשרות צבא לשמור דרך החיים לטהר ולזכך את עצמו מכל לכלוך ולשמור עצמו מכל חטא, ובזה תמלא ארץ דעה, ויבחר בחיים כל המבקש פני ה׳ בספר החסידים הזה וסר עון וחטא יכופר והוא רחום יכפר. לכן כל הרוצה לדרוך דרך החיים יפלס מעגלותיו לילך לבקש בספר הזה כאשר ימצא בו די הפק רצון איש ואיש אשר יקרב לבו לגשת אל הקודש ולהיות תמיד המתחסד עם קונו, חברו גם יסדו א׳ מגדולי קדמונינו הנה ארצו לפניו בארץ **החיים** והיה שכרו אתו ופעולתו את ה׳ ויען ראיתי גודל תועלת לתקן נפשות ישראל. וכבר ספו תמו אין גם א׳ נמצא, אמרתי אחלקם ביעקב ואפיצם בישראל למען הקים לי שם **משמעון בר׳ משה הכהן מגלונא רבתי**.

# תורת החסידים הראשונים א

## ספר חסידים החדש

## ליום ראשון

א) יסוד החכמה ועיקר התבונה לקבוע בדעתו אחדות האל יתברך:

ב) יקיים מצות ואהבת לרעך כמוך בכל מה דאפשר לגמול חסד עם כל אדם:

ג) לקרות ק"ש בכל יום פעמים בזמנים הקבועים כדברי חז"ל:

ד) צריך להיות בקי בפירוש התפלה:

ה) לענות אמן על כל ברכה ששומע מפי חברו:

ו) יעסוק בתורה איזה שעות קודם אור הבוקר שזה סגולה לנשמה:

ז) כשלובש מלבושיו יקדים של ימין תחלה:

ח) יבדוק נקביו בכל בוקר קודם שמזכיר את השם ב"ה:

ט) כשיפנה עצמו בבית הכסא יכוון לנקות עצמו ולדחות מעליו חלק הטומאה כי חלק הקדושה נטל הלב ושאר איברים:

י) מיד כשיצא מבית הכסא ירחוץ ידיו שלשה פעמים על כל היד כמו שנוטל בשחרית:

יא) כשישן ביום יטול ידיו שלשה פעמים כמו בשחרית:

יב) קודם שמברך על נטילת ידים יגביה ידיו רמז לקבלת הטהרה:

יג) כשמתעטף בציצית יכוון לקבל עליו עול מלכות שמים שלימה:

יד) כשלובש ציצית ותפילין יכוון שכל גופו ואיבריו מסורים ליוצרו לעובדו וכל תנועותיו יהיו לצד הקדושה:

כשיברך

### דעם זונטאג'דיגען טאג

א) יסוד. דער פונדאמענט פון קלוגשאפט און דער עיקר פון פערשטאנד איז איינצובילדען אין זיך די איינציגקייט פון גאט ב"ה:

ב) יקיים. יעדער מענטש דארף בקיום זיין די מצוה פון ואהבת לרעך כמוך, (זאלסט ליעב האבען דיין פריינד פונקט ווי זיך זעלבסט) מיט אלע מעגליכקייטע, צו טוהן גינאד מיט יעדען מענטש:

ג) לקרות. יעדער מענטש זאל טעגליך לייענען קריאה שמע צוויי מאל אין די בעשטימטע צייטען, אזוי ווי די חז"ל האבען געדייטען:

ד) צריך. יעדער מענטש דארף זיין קלאר אין דעם טייטש פונ'ם דאווענען:

ה) לענות. יעדער מענטש דארף ענטפערען אמן אויף יעדער ברכה וואס ער הערט פון צווייטען:

ו) יעסוק. יעדער מענטש זאל לערנען תורה עטליכע שעה איידער עס ווערט טאג, דען דאס איז א סגולה צו דער נשמה:

ז) כשלובש. אז אמענטש טהוט אהן זיינע קליידער זאל ער פריהער אהן טאהן פון דער רעכטער זייט:

ח) יבדוק. יעדער מענטש דארף זיך מכין זיין אין דער פריא איידער ער דערמאנט דעם נאמען פון גאט ב"ה:

ט) כשיפנה. אז אמענטש איז זיך מכין אין בית הכסא זאל ער אין זינען האבען זיך אויס צו ריינינגען און אפצושטויסען פון זיך דעם חלק הטמאה, ווייל דעם הייליגען טהייל האט גענומען דאס הארץ און די איבריגע איברים:

י) מיד. באלד ווי מען גייט ארויס פון בית הכסא זאל מען די הענד וואשען דריי מאל, און מען זאל וואשען די גאנצע האנד, אזוי ווי מען וואשט אין דער פריא:

יא) כשישן. אז מען שלאפט ביי טאג דארף מען זיך וואשען די הענד דריי מאל, אזוי ווי מען וואשט זיך אין דער פריא:

יב) קודם. איידער מען זאגט די ברכה על נטילת ידים דארף מען אויפהייבען די הענד מרמז צו זיין דאס מען וויל צו נעמען די ריינקייט פון אויבען

יג) כשמתעטף. אז מען טהוט אהן די ציצית דארף מען אין זינען האבען אז דערמיט נעמט ער אויף זיך דעם יאך פון מלכות שמים בשלימות:

יד) כשלובש. אז מען טהוט אהן ציצית און תפילין דארף מען אין זינען האבען אז דער גאנצער

קע פער

## ספר חסידים החדש

טו) כשיברך ברכה התורה יכוין לקיים ולעשות ככל הכתוב בתורה ובדקדוקי סופרים:

טז) לאחר הנחת תפילין של ראש יאמר, ומחכמתך אל עליון תאציל עלי ומבינתך תבינני ובחסדך תגדיל עלי, ובגבורתך תצמית אויבי וקמי, ושמן הטוב תריק על שבעה קני המנורה להשפיע טובך על בריותיך, פותח את ידיך ומשביע לכל חי רצון:

יז) סדר הקרבנות פ׳ התמיד והקטיר עליו אהרן וכו׳, ואח״כ יאמר פיטום הקטורת כיצד וכו׳ כי כן הוא סדר הקרבנות, קרבן תמיד אח״כ הזאת דמו ולזה קורא פ׳ התמיד ואח״כ הטבה נרות ולזה קורא פסוק והקטיר וגו׳ בהטיבו את הנרות וגו׳, ואח״כ קטורת, לזה אומר פיטום הקטורת, ואח״כ אומר משנת איזהו מקום; שהוא נגד הפשט ונהוח:

יח) קודם ברוך שאמר יכווין שכל הבריות מקטנים עד גדולים כולם נבראים ברצון יתברך שמו והוא מושל בכל, ואח״כ יאמר פסוקי דזמרה בשמחה:

יט) יזהר לומר ג׳ פעמים אשרי בכל יום בכוונה שלימה:

כ) יאמר ויברך דוד עד אתה הוא ה׳ אלהים בעמידה:

כא) יאמר שירת אז ישיר בכוונה ובשמחה·

כב) יכוון לשמוע מפי הש״ץ הג׳ תיבות ה׳ אלהיכם אמת כדי להשלים רמ״ח תיבות בק״ש, ואם מתפלל ביחיד יכוון כמבואר בפוסקים:

ישמע

## דעם זונטאג־דינען טאג

קערפער און אלע גליעדער זענען איבער געגעבען צום באשעפער צו דינען איהם, און אלע זיינע תנועות זאלען זיין צו דער קדושה:

טו) כשיברך. אז מען זאגט די ברכה פון ברכת התורה זאל ער אין זינען האבען מקיים צו זיין און צו טהון אלץ וואס עס שטייט אין תורה שבכתב און תורה שבעל פה:

טז) לאחר. נאכדעם ווי מען האט געלייגט די תפילין של ראש זאל מען זאגען, ומחכמתך אל עליון תאציל עלי ומבינתך תבינני, ובחסדך תגדיל עלי, ובגבורתך תצמית אויבי וקמי, ושמן הטוב תריק על שבעה קני ה גורה להשפיע טובך על בריותיך. פותח את ידיך ומשביע לכל חי רצון. דער טייטש איז: פון דיין קלוגשאפט זאלסט דו אלהעכסטער גאט אויף מיר אפשיידען, און פון דיין פערשטאנד זאלסט דו מיר געבען צו פארשטיין, און פון דיין גינאד זאלסט דו אויף מיר גרייסען, און מיט דיין שטארקייט זאלסט דו פערשניידען מיינע פיינד און אויפשטייער איף מיר, און גוטען בויםאייל זאלסט דו אויס לערין אויף די זיבען רערין פון דער מנורה, משפיע צו זיין דיין גוטסקייט אויף דיינע בעשעפעניששען, דו עפענסט דיין האנד און זעטיגסט אין ווילען יעדען לעבעדיגען:

יז) סדר. דעם סדר פון קרבנות זאגט מען אזוי; די פרשת התמיד און דעם פסוק והקטיר עליו אהרן קטורת סמים בבוקר בבוקר בהטיבו את הנרות יקטירנה, ובהעלות אהרן את הנרות בין הערבים יקטירנה, קטורת תמיד לפני ה׳ לדורותיכם. און דערנאך זאל מען זאגען די ברייתא פטום הקטורה כיצד וכו׳, דען אזוי איז דער סדר פון די קרבנות, פריהער זאגט מען די פרשה פון קרבן התמיד, דערנאך דעם פסוק ושחט אותו וגו׳ און נאך די פרשת התמיד די פסוקים פון הטבות הנרות און דערנאך די ברייתא פון קטורת, און דערנאך דעם פרק איזהו מקומן:

יח) קודם. איידער מען זאגט ברוך שאמר זאל מען אין זינען האבען אז אלע בעשעפעניששען, פון די גרעסטע ביז די קלענסטע זענען אלע בעשאפען געווארען מיט׳ן ווילען פון גאט ב״ה, און ער געוועלטיגט איבער אויף אלץ, און דערנאך זאל ער זאגען די פסוקי דזמרה מיט שמחה:

יט) יזהר. יעדער מענטש דארף אלע טאג זאגען דריי מאל אשרי מיט א פולע כוונה:

כ) יאמר. מען דארף זאגען פון ויברך דוד ביז אתה הוא ה׳ אלהים שטייענדיגערהייט:

כא) יאמר. די שירה זאל מען זאגען מיט כוונה און מיט שמחה:

כב) יכוון. א מענטש זאל זיין פארזיכטיג צו הערין פון חזן די דריי ווערטער „ה׳ אלקיכם אמת״, אום צו ערפילען די צאהל צוויי הונדערט אכט און פערציג ווערטער אין קריאת שמע, און אויב ער דאווינט ביחידות זאל ער טהון אזוי ווי עס שטייט אין פוסקים: (ער זאל זאגען פאר קריאת שמע „אל מלך נאמן״):

ישמע

## ספר חסידים החדש

כג) ישמע תפלת י״ח ספי הש״ץ מלה במלה, ויענה אמן על כל ברכה:
כד) בשעה שהש״ץ קורא בתורה יכוון לשמוע מה שקורא ויה׳ דומה בעיניו כאלו עכשיו קבלו מהר סיני:
כה) כל מעשיך יהיו לשם שמים:
כו) יתוודה קודם הסעודה כדי להשתיק קטינור:
כז) דבר שחוצץ בטבילה חוצץ בנטילה ע״כ יזהר להסיר צואה שתחת הצפורן או בצק שתחת הצפורן:
כח) אחר הנטילה יגביה ידיו ויגביה יד ימין יותר מן השמאל:
כט) ילמוד דברי תורה על כל סעודה:
ל) ישייר פת בכזית כדי לברך ברכת המזון:
לא) יעבור הסכין מעל השלחן בשעת ברכת המזון.
לב) יזהר בנטילת מים אחרונים:
לג) יאמר פיטום הקטורת בשחרית ובמנחה:
לד) ירחץ פניו ידיו ורגליו בע״ש בחמין ולא בחמין שהיד סולדות בהן אלא בפושרין:
לה) ירבה נרות לכבוד שבת:
לו) יכבד שבת בכל יכולתו ולשמוח בו בכל מה דאפשר:
לז) ראוי להיות לו ד׳ בגדים לבנים לכבוד שבת כנגד ד׳ אותיות השם:
לח) יאמר בליל שבת ויכולו מעומד:
לט) יחזיר מעט מהיין שקידש עליו לתוך כלי של יין ומצניע עד מוצאי שבת ומבדיל עליו ונרפא לו:

הקידוש

## דעם זונטאנדיגען מאנ

כג) ישמע. די הויכע שמונה עשרה דארף מען הערין פון חזן יעדעסווארט, און מען זאל ענטפערען אמן אויף יעדע ברכה:
כד) בשעה. אז דער בעל קורא לייענט אין דער תורה זאל מען זיין פארזיכטיג צו הערין וואס ער לייענט, און עס זאל בייא איהם זיין גלייך פונקט אזוי ווי יעצט האט ער ערהאלטען די תורה פונ׳ם בארג סיני:
כה) כל. אלע דיינע בעשעפטיגונגען זאלען זיין פון גאט׳ס וועגען:
כו) יתוודה. איידער מען נעמט עסין זאל מען זיך מתוודה זיין. אום צו פאר שטילען דעם קטינור, ער זאל נישט זיין קיין מלמד חוב אויפ׳ן מענטש:
כז) דבר. יעדער זאך וואס מאכט א חציצה בעת׳ן טובל׳ן, מאכט דאס אויך א הציצה בעת׳ן וואשען זיך, דרום דארף מען זיין זעהר פארזיכטיג אויסצורייניגען די בלאטע פון אונטער די נעגיל, אדער טייג, וואס ליגט אונטער די נעגיל:
כח) אחר. נאכדעם ווי מען האט זיך געוואשען דארף מען אויפהייבען בייד׳ע הענד, און די רעכטע האנד דארף מען אויפהייבען א ביסעל העכער פון דער לינקער:
כט) ילמוד. בשעת יעדער עסין דארף מען לערנען תורה:
ל) ישייר. מען דארף איבער לאזען א כזית וואס זאל ליגען אויפ׳ן טיש בשעת׳ן בענטשין:
לא) יעבור. בשעה מען בענטשט דארף מען אראפ נעמען פון טיש דעם מעסער:
לב) יזהר. מען דארף זיין נזהר צו וואשען די הענד מיט מים אחרונים פאר׳ן בענטשען:
לג) יאמר. פאר׳ן דאווענען אין דער פריא און צו מנחה דארף מען זאגען פטום הקטורת.
לד) ירחץ. פרייטאג דארף מען זיך וואשען דאס פנים און די הענד און די פיס מיטווארעם וואסער
לה) ירבה. לכבוד שבת דארף מען אן צינדען פיעל ליכט:
לו) יכבד. שבת דארף מען מכבד זיין מיט׳ן גאנצען מעגליכקייט, און מען דארף זיך משמח זיין מיט׳ן גאנצע, מעגליכקייט:
לז) ראוי. א מענטש דארף האבען פיער ווייסע מלבושים לכבוד שבת, אנטקעגען די פיער אותיות פונ׳ם שם הוי״ה ב״ה:
לח) יאמר. די נאכט פון שבת קודש דארף מען זאגען ויכולו שטייענדיגערהייט:
לט) יחזור. פון דעם ווין וואס מען האט געמאכט קידוש דארף מען, א ביסעל צוריק אריין גיסען

אינ׳ם

## ספר חסידים החדש

ס) הקידוש. שבת ויו"ט יהיה קודם נטילת ידים:

סא) הקידוש יעשה בשמחה ויכוון שהוא מעיד על יחיד הקדמון שברא הכל בששה ימים ונח ביום השבת:

סב) יגמור הפרשה שמו"ת בע"ש סיד לאחר חצות בכוונה רצויה, ודאה להשים אל לבו לקיים המצות שקורא, ואח"כ הפטרה ומזמור ה' מלך, ומאמר א' מזוהר, ומשנה יציאות השבת, וירחץ פניו ידיו ורגליו לכבוד שבת ויקבל שבת בשמחה:

סג) במ"ש יערוך שלחנו אע"פ שאין צריך אלא לכזית, כדי ללות המלכה:

סד) להתענות בכל ער"ח ולהצטער בחסרון הלבנה:

סה) שלא יכניס כלה לחופה ולא יתחיל שום דבר בחסרון הלבנה. כדי לטעם בשמחה בצער הלבנה:

סו) יגמור בכל שבוע תרי"ג מצות יחזור באיזה סדר, דהיינו בכל יום מאה מצות ובשבת י"ג ובזה יהי' בכל עת נגד עיניו:

סז) יהיה לו בכל יום עת קביע ללמוד השייך לתרי"ג מצות כפי הרשום בספר עיר מקלט או בשאר ספרים:

סח) בחודש אלול יהיה רגיל להתענית בו ולעשות תשובה שלימה ועכ"פ יתענה בו בה"ב וה':

סט) בשלש רגלים ישמח אלמנות עניים ויתומים:

יוהר

## דעם זונטאג'דיגען טאג

אינ'ם פלעשעל און דאס בעהאלטען אויף שבת צו נאכט, מאכען דערויף הבדלה, דען דאס איז א רפואה:

ס) הקידוש. שבת און יום טוב מאכט מען קידוש אײדער מען וואשט זיך:

סא) הקידוש. דעם קידוש דארף מען זאגען מיט שמחה, און מען דארף אין זינען האבען אז דערמיט זאגט מען עדות אויף'ן אײביגען גאט אז ער האט אלץ בעשאפען, אין זעקס טאג, און אים שבת האט ער גערוהט:

סב) יגמור. פרייטאג נאך האלבען טאג דארף מען ענדיגען די סדרה, צווײ מאל יעדען פסוק פון תורה און איין מאל דעם פסוק פון תרגום, און מען דארף דאס זאגען מיט א עהרליכע כוונה, און ער זאל זיך אין זינען נעמען צו ערפיהלען די מצוה וואס ער לערנט, און דערנאך דארף מען זאגען די הפטורה, און דאס קבלת ה' מלך, און איין מאמר פון זוהר, און די משנה יציאות השבת, אין מען דארף אפוואשען דאס פנים און די הענד און די פיס לכבוד שבת, און ער זאל צו נעמען דעם שבת מיט שמחה:

סג) במוצאי. שבת צו נאכט זאל ער גרייטען דעם טיש חאטש ער דארף עסען נאר איין כזית, כדי צו באגלייטען שבת, וואס זי ווערט אן גערופען די מלכה:

סד) להתענות. אלע ערב ראש חודש דארף מען פאסטען, און מען דארף זיך מצער זיין אויף דעם וואס די לבנה איז געווארען קלענער:

סה) שלא. א כלה דארף מען נישט פיהרען צו דער חופה, אויך קיין זאך זאל מען נישט אן פאנגען צו טהון, אין צווייטען האלבען חודש, וואס די לבנה ווערט דעמאלט קלענער, און מאכען ווייניגער שמחה, צוליעב דעם צער פון דער לבנה וואס זי איז קלענער געווארען:

סו) יגמור. אלע וואך דארף מען איבער חזר'ן אלע זעקס הונדערט און דרייצעהן מצות, מיט א בעשטימטע אָרדנונג, דהיינו אלע טאג זאל מען איבער חזר'ן הונדערט מצות, און אום שבת זאל מען איבער חזר'ן דרייצעהן מצות, און דורכדעם וועט ער שטענדיג געדענקען אלע תרי"ג מצות:

סז) יהיה. א מענטש דארף אלע טאג האבען א בעשטימטע צייט וואס ער זאל לערנען די דינים וואס געהער צו די תרי"ג מצות, אזוי ווי עס שטייט אין ספר עיר מקלט, אדער אין אנדערע ספרים:

סח) בחודש. אין חודש אלול דארף מען פאסטען, און טהון תשובה בשלימות, און ווייניגסטענס דארף מען פאסטען אין דעם חודש אלע מאנטאג און דאנערשטאג:

סט) בשלש. אין די דריי ימים טובים (פסח, שבועות, סוכות) דארף מען דערפרעהען אלמנות און אָרימע לייט און יתומים:

יוהר

## ספר חסידים החדש

נ) יזהר ללמוד כל ליל שבועות ולא ישיח שיחה בטילה :

נא) ללון בליל יוה״כ בבה״כ ולגמור התהלים ולומר התחנונים כדי שלא יבוא לידי מקרה ח״ו :

נב) לטהר המחשבה יכוון כאלו שם הוי״ה ב״ה כתוב לפניו בדיו שחור ע״ג נייר לבנה בניקוד כזה יְהֹוָה:

נג) יעיין בהלכה אחת שעה אחת בכל יום בעיון הדק היטב כדי לשבר הקליפות :

נד) כל אכילתו ושתייתו לא יהיה יותר מכדי צרכו ויהיה לשם שמים כדי שיתחזק גופו לעבודת ה׳ :

נה) אל תלחום לחם רע עין ויהיה נזהר בזה מאוד :

נו) יהי מהר לברך ברכת המזון בכוונה שלימה וליזהר בכל הדברים הצריכים לכוס ברכת המזון :

גז) לא ילך בקומה זקופה שלא להחות מורא שמים מעליו :

נח) בעת התפילה יחשוב שכבודו מלא עולם וירא ויבוש , ויתן עיניו למטה , ויחשוב כאלו אור גדול לפניו , שהוא עומד לפני ה׳ הנכבד שהוא מקור ההארה לאין תכלית :

נט) ישמור עצמו שלא לבא לידי חטא הקל אפילו בשוגג :

ס) ירגיל עצמו במדת רחמנות ויסיר מלבו קנאה ושנאה וכעס :

סא) ירגיל עצמו לדבר בנחת וסימן לדבר רוח רעש אש אשר לא בהם ה׳ כי אם בקול דממה דקה :

סב) לעולם יחשוב כאלו עומד לפני מלך מלכי המלכים הקב״ה :

לא

## דעם זיבּצאנדיגען טאג

נ) יזהר . א גאנצע נאכט פון שבועות דארף מען לערנען , און דעמאלט דארף מען נישט רײדען קײן נישט נוציגע רײד :

נא) ללון . יום הכפורים בײ נאכט דארף מען נעכטיגען אין שוהל , און מען דארף זאגען גאנץ תהלים , און מען דארף פיעל בעטען , כדי עס זאל איהם נישט טרעפען קײן מקרה ח״ו :

נב) לטהר . אז מען וויל רײן מאכען די געדאנקען דארף מען זיך פארשטעלען אזוי ווי עס ליגט פאר איהם א קווימעל וואס עס איז דערויף אויף געשריבען אויף ווײסע פאפיר מיט שווארצע טינט דער שם הוי״ה ב״ה מיט אזא ניקוד יְהֹוָה :

גן) יעיין.. יעדען טאג דארף מען א בעשטימטע צײט קלערען אין א הלכה , דען דערמיט צוברעכט מען די קליפות :

נד) כל . דער גאנצער עסען און טרינקען פון מענטש זאל נישט זײן מײן פון זײן נויטיקײט , און עס זאל זײן צוליעב גאט׳ס וועגען , אז מיט דעם עסען און טרינקען וועט ער שטארקען דעם קערפער צו דיענען גאט ב״ה :

נה) אל . זאלסט נישט עסען מיט א קארגין מענטש , און מען דארף דאס זײן זײער פארזיכטיג :

נו) יהי . מען דארף זײן זײער גערים בענטשין ברכת המזון מיט דער גאנצער כוונה , און מען זאל זײן געהיט מיט אלע זאכען וואס מען דארף צו האבען צום כוס פון ברכת המזון :

נז) לא . א מענטש דארף נישט גײן מיט אנ׳אויפגעשטעלטען גאנג , כדי נישט אבצושטויסען פון זיך די מורא פון הימעל :

נח) בעת . בשעת׳ן דאווענע דארף מען אין זינען האבען אז גאט׳ס כבוד איז פול אויף דער גאנצער וועלט , מען דארף מורא האבען און זיך שעמען פאר איהם , און די אייגען דארף מען האלטען אראפגעלאזט , און ער זאל זיך פארשטעלען אזוי ווי עס שטײט פאר איהם א גרויסע ליכטיגקײט , דען ער שטײט דאך פאר גאט ב״ה וואס ער איז דער קוואל פון די ליכטיגקײט וואס איז אן א ענדע :

נט) ישמור . א מענטש דארף זיך היטען אז ער זאל נישט קומען צו טוהן א גרינגע זינד , אפילו אומגעװערען :

ס) ירגיל . א מענטש דארף זיך אײן געוואהנען מיט דער מדה פון גוטהערציגקײט , און זאל אפטהון פון זײן הארצען קנאה און שנאה און כעס :

סא) ירגיל . א מענטש דארף זיך אײן געוואהנען צו רעדען געלאסענערהײט , דער סימן איז דערפון בײ רוח און בײ אש שטײט אז בײ זײ איז נישט דא גאט , נאר בײ קול דממה דקה דארט איז דא גאט :

סב) לעולם . א מענטש זאל זיך שטענדיג פארשטעלען אזוי ווי ער שטײט פאר׳ן מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא :

לא

## ספר חסידים החדש

**סג)** **לא** יפסיק מד"ת על דברים בטלים וכן בעת שמתפלל:

**סד)** **לא** יהיה בטל שעה אחת מתורה וממצות:

**סה)** **ידריך** בני אדם לעבודת ה':

**סו)** **בד'** זמנים אלו יעשה השובה על עונותיו, א' קודם שקיעת החמה והוא מרומז ביומו תתן שכרו ב' קודם הכנסת שבת, ג' ערב ר"ח, ד' ערב יום הכפורים:

**סז)** **לא** יבעום ביום שבת:

**סח)** **עסק** התורה צריך להיות בשמחה ובקול רם:

**סט)** **ראוי** לעיין בספרים שהם מדברים מסוגיות הש"ס, כגון ספר הליכות עולם, או ספר כריתות, ושאר ספרים כיוצא בהן, כדי שיוכל לעמוד על אמיתת הדבר ולא יבלה זמן בפלפול של הבל:

**ע)** **בכל** מצוה שעושה לא יהיה בו שום צד שלא לשמה:

**עא)** **שלא** ירא משום מלאך או שרף, שאין ביד שום בריה להרע לאדם אלא ברצון ה':

**עב)** **לא** ייראו מפני עולם הזה אלא ישים בטחונו במי שאמר והיה העולם:

**עג)** **לנהוג** כבוד בכל הספרים להנאותם במטפה יפה, ובכל תשמישי קדושה:

**עד)** **אם** יפסוק באמצע לימוד מחמת איזה סיבה יכסה הספר ולא יניח אותו מגולה:

**עה)** **יכבד** לומדי תורה:

**עו)** **יהיה** נקי בכל עת:

**עז)** **יזדעזע** כל גופו קודם שיזכור השם ויראה, אם הוא במקום שראוי להזכירו:

יאמר

## דעם זונטאג'דיגען טאג

**סג)** **לא.** בשעת מען לערינט טאר מען נישט מפסיק זיין מיט פוסטע רייד אויך בשעת מען דאווינט טאר מען גאר נישט מפסיק זיין:

**סד)** **לא.** א מענש טאר נישט זיין פוסט אין תורה און מצות אפילו א קורצע צייט:

**סה)** **ידריך.** א מענטש דארף איין געוואהנען מענטשען צו עבודת ה':

**סו)** **בד'.** אין פיער צייטען דארף א מענטש כהון תשובה אויף זיינע זינד, א) יעדען טאג איידער די זון פארגייט, ב) פרייטאג פארין נאכט פאר קבלת שבת, ג) ערב ראש חודש. ג) ערב יום הכפורים:

**סז)** **לא.** אום שבת טאר מען נישט זיין אין כעס:

**סח)** **עסק.** תורה דארף מען לערנען מיט פרעהליכקייט און מיט א הויכע שטימע:

**סט)** **ראוי.** מען דארף לערנען אין ספרים וואס שמועסען פון סוגית הש"ס, דהיינו אין ספר הליכות עולם, אדער אין ספר כריתות, אדער אין עהנליכע ספרים, כדי ער זאל יעדע זאך וויסען דייטליך אוןווירקליך, און זאל נישט פאר ברענגען די צייט מיט נארישען פלפול:

**ע)** **בכל.** אין יעדע מצוה וואס א מענטש טהוט זאל ער זעהן אז עס זאל אין דעם נישט זיין קיין שום ענין שלא לשמה:

**עא)** **שלא.** א מענטש דארף נישט מורא האבען פאר קיין מלאך אדער שרף, ווייל קיין בעשעפעניש קאן נישט טהון שלעכטס א מענש נאר מיט גאט'ס ווילען:

**עב)** **לא.** א מענטש דארף זיך נישט שרעקען פאר די וועלטליכע פאסירונגען, נור ער זאל זיך פערזיכערען אין אייבערשטען וואס דורך זיין זאגען איז די וועלט בעשאפען געווארען:

**עג)** **לנהוג.** ספרים דארף מען האלטען בכבוד, פארפוצען זיי מיט א שעהנעם הילינג, און דאס זעלבע אלע היילינגע תשמישים:

**עד)** **אם.** אויב צוליעב א סיבה הערט מען אמאל אויף צו לערנען דארף מען דעם ספר מיט עפעס צודעקען, און מען טאר נישט לאזען אפען דעם ספר:

**עה)** **יכבד.** מען דארף מכבד זיין די מענטשען וואס לערנען תורה:

**עו)** **יהיה.** א מענטש דארף שטענדיג זיין ריין:

**עז)** **יזדעזע.** א מענטש איידער ער דערמאהנט דעם נאמען פון גאט דארף פריהער זיין גאנצער קערפער ציטערען, און דארף זיך ארום קוקען אויב ער איז יעצט אין א זא ארט וואס מען מעג זיין הייליגען נאמען דערמאנען:

יאמר

## ספר חסידים החדש

עח) יאמר בסדר היום ברוך אלהינו שבראנו לכבודו וכו' בשמחה ובכוונה רצויה:
עט) יהיה דיבורו בנחת ולא יגביה קולו חוץ מר"ה ותפלה:
פ) ינהוג כבוד במזוזה:
פא) יזהר בעניית אמן על כל ברכה ששומע:
פב) יעמוד על רגליו בשעה שאומרים אמן יהא שמי' רבא וברכו וכל דברי קדושה ורמז לזה הפסוק קום כי דבר ה' אליך מלך:
פג) ידליק נרות בבית הכנסת:
פד) יזהר בכבוד זקנים:
פה) אל ימנע עצמו מלילך אחר זקן שיברכהו (מד"ר רות פרשה ו'):
פו) אל יחניף ולא יכבד רשעים אלא מצוה לשנאותם ולבזותם כדי להכניע הקליפה:
פז) ראוי להיות עליו תפילין כל היום, ועכ"פ בעת עסקו בתורה ובתפלה, שאז פנוי מעסקי העולם:
פח) יקרב עצמו למי שהוא ירא ה', וירחיק עצמו אפילו מלדבר עם מי שאינו ירא ה':
פט) יזהר בברכותיו ובתפלותיו ובלימודיו שיהיה בכוונה ולא מצות אנשים מלומדה:
צ) יהיה שמח בחלקו:
צא) ירגיל עצמו בהתבודדות:
צב) לא ירדוף אחר הכבוד והשררה:

כשהולך

## דעם זונטאג'דיגען טאג

עח) יאמר. אז מען זאגט אין ובא לציון די ווערטער ברוך הוא אלקינו שבראנו לכבודו וכו' [געלויבט איז גאט וואס ער האט אונז בעשאפען צוליעב זיין כבוד, און האט אונז אפגעשיידט פון די פערבלאנדזשעטע מענשען, און ער האט אונז געגעבען די תורה וואס איז לויטער אמת, און דאס אייביגע לעבען האט ער אין אונז איין געפלאנצט] זאל מען דאס זאגען מיט פרייד און מיט קלארע געדאנקען:
עט) יהיה. א מענטש דארף רעדען שטיל, און קיינמאל ניט רעדען מיט א הויכע שטימע, אויסער ביים לערנען און ביים דאווענען:
פ) ינהוג. א מענטש דארף אפגעבען כבוד דער מזוזה:
פא) יזהר. מען דארף זיין זעהר געהיט צו ענטפערען אמן אויף יעדער ברכה וואס מען הערט:
פב) יעמוד. מען דארף שטיין אויף די פיס ווען מען זאגט אמן יהא שמי' רבא מברך, אדער ברכו, אדער קדושה, און א רמז דערויף איז דער פסוק וואס שטייט שטיא אויף ווי גאט'ס רייד איז צו דיר מלך:
פג) ידליק. מען דארף צינדען ליכט אין שוהל, און אין בית המדרש:
פד) יזהר. א מענטש דארף זיין געהיט אפגעבען זקנים כבוד, אזוי ווי עס שטייט אין דער תורה:
פה) אל. א מענטש זאל זיך נישט פערמיידען פון גיין צו א אלטען יודען אז ער זאל איהם בענטשען (מד"ר רות פרשה ו'):
פו) אל. מען טאר נישט חנפ'נען רשעים, אויך טאר מען זיי נישט מכבד זיין, נאר עס איז א מצוה פיינד צו האבען זיי, און פארשעמען זיי, כדי נידעריג צו מאכען די קליפה:
פז) ראוי. עס איז זייער גלייך אז א גאנצען טאג זאל מען גיין אין תפלין, און וועהניגסטענס זאל מען גיין אין תפלין בשעת'ן לערנען און דאווענען, דען דענסטמאל איז דאך דער מענטש אוים געטהון פון די וועלטליכע זאכען:
פח) יקרב. א מענטש דארף זיך דערנעהנטערען צו א גאט'ס פאיכטיגען מענטשין, און דארף זיך דערווייטערען אפילו פון צורעדען מיט א מענטש ואס ער איז נישט א גאט'ס פארכטיגער:
פט) יזהר. א מענטש דארף זיין געהיט אז ער זאגט א ברכה אדער ער דאווענט אדער ער לערענט זאל עס זיין מיט כוונה, און נישט אפזאגען נאר מיט'ן פלויזען מויל:
צ) יהיה. א מענטש דארף זיך פרייען מיט זיין חלק. [מיט דעם וואס ער פערמאגט]:
צא) ירגיל. א מענטש דארף זיך איין געוואהנען זיין איינער אליין:
צב) לא. א מענטש דארף זיך נישט יאגען צו בעקומען כבוד, אדער הערשאפט:

כשהולך

ספר חסידים החדש

צג) כשהולך במקום נקי יהרהר בדברי תורה:

## ליום שני

א) יהא נזהר מגילוי ראש:

ב) לא יהיה נחשב בעיניו כל תאות עוה"ז נגד אהבת ד':

ג) לא יביא עצמו לידי הרהור עבירה, ואם יבוא לו מחשבת הרהור אזי יפנה דעתו לתורה או לדבר יראת ה':

ד) יקדים עצמו לילך לבית הכנסת:

ה) קודם שיעשה איזה מצוה יאמר הריני עושה מצוה זו לכבוד יוצרי:

ו) יהיה שמח בשמחה של מצוה:

ז) בכל יום יאמר פרשת מה ה' אלהיך שואל מעמך ויאמר אותו בכוונה:

ח) יתבודד מקצת היום ויחשוב בגדולת הבורא ובמעשיו הנפלאות:

ט) בכל יום יאמר מעניות איוב אחרונים:

י) בכל יום יאמר איזה מזמורים תהלים:

יא) יצטער כשיראה עוברים רצון ה' ח"ו:

יב) ישמור לשונו מלדבר לשון הרע על חבירו:

יג) יתן מעשר מכל ממונו ומכל מה שירוויח:

יהי'

### דעם זונטאג'דיגען טאג

צג) כשהולך. אז מען גייט אין א ריינעם ארט דארף מען אין זינען האבען תורה:

## דעם מאנטאג'דיגען טאג

א) יהא. א מענטש דארף זיין געווארענט נישט גיין מיט'ן בלויזען קאפ:

ב) לא. א מענטשען דארף נישט זיין חשוב אלע תאוות פון דער וועלט נעגען די ליעבשאפט צו גאט ברוך הוא:

ג) לא. א מענטש דארף זיך נישט ברענגען צו טראכטען געדאנקען פון א עבירה, און טאמער איז א מענטשען אנגעקומען צו טראכטען אזעלכע געדאנקען דארף ער אפקערען די געדאנקען, צו טראכטען פון תורה אדער פון יראת שמים:

ד) יקדים. א מענטש דארף זיך פארערען צו גיין אין שוהל:

ה) קודם. איידער א מענטש טהוט א מצוה זאל ער זאגען איך טהו די מצוה צוליעב דעם כבוד פון מיין בעשעפער:

ו) יהיה. א מענטש דארף זיך פרייען דערמיט וואס ער טהוט א מצוה:

ז) בבל. אלע טאג דארף א מענטש זאגען די פרשה מה ה' אלקיך שואל מעמך [וואס פערלאנגט גאט פון דיר? נאר זאלסט פאר איהם מורא האבען]. און זאל דאס זאגען מיט כוונה:

ח) יתבודד. א מענטש דארף א קורצע צייט פון טאג זיין אליין און דענסטמאל טראכטען די גרויסקייט פון בעשעפער, און זיינע וואונדערליכע מעשים:

ט) בכל. אלע טאג דארף יעדער מענטש זאגען די לעצטע אנטווארטען פון איוב:

י) בכל. אלע טאג דארף א מענש זאגען עטליכע קאפיטלעך תהלים:

יא) יצטער. א מענטש דארף האבען שמערצען אז ער זעהט אז מען איז חס ושלום עובר דעם ווילען פון גאט ב"ה:

יב) ישמור. א מענטש דארף פילעווען די צונג נישט צו ריידען קיין לשון הרע:

יג) יתן. א מענטש דארף געבען מעשר פון זיין גאנצען געלד וואס ער פערמאגט, און פון אלע וואס ער פערדינט:

יהיה

## ספר חסידים החדש

יד) יהי׳ זהיר לברך מאה ברכות בכל יום :
טו) ביום התענית יזהר משחוק ומקלות ראש ומכעס ומרכילות ומליצנות ומלשון הרע ומקנאה ושנאה, ע״כ ראוי להתבודד ביום התענית כל היום :
טז) ראוי שלא יהנה בזה העולם חוץ מתענוגי דמצוה :
יז) יזהר מאוד מלהנות מדבר איסור :
יח) לא יאכל שום דבר שמזיק לגוף :
יט) לא יאכל בשום סעודה חוץ מסעודת מצוה :
כ) יזהר שכל מלבושיו יהי׳ נקיים ונאים :
כא) יהי׳ מן השומעים חרפתן ואינם משיבים :
כב) ראוי לפרוש עצמו מבשר ושום דבר תענוג מה שאינו צריך לו כל ימות החול :
כג) לא יחשוב בשבת שום מעשה דחול או בשום כל משא ומתן כההיא מעשה דאותו חסיד [בשבת דף ק״נ ע״ב] דחשב בשבת לגדור גדר בחול [בפי׳ הט״ז באו״ח סי׳ ש״ז סק״ד] ולא נגדרה לעולם :
כד) לא יגלה ולא יפרסם לבריות מעש׳ הטובים והמצות שעושה בסתר כי אם הכל לשם שמים :
כה) לא ידבר בשבת שום שיחה בטילה :
כו) יהי׳ זהיר מאוד במעשיו בשבת יותר מימי החול שלא יפגום אפי׳ דבור קל :
כז) בכל חודש יתבודד יום א׳ אם יהי׳ אפשר בבית הכנסת או בבית המדרש שיכול להיות לבד הרי

## דעם מאנטאג׳דיגען טאג

יד) יהיה. אמענטש דארף זיין געהיט צו זאגען אלע טאג הונדערט ברכות :
טו) ביום. אין א תענית-טאג דארף מען זיין געהיט נישט צו לאכען, און נישט זיין אין כעס, און נישט ריידען קיין רכילות, און קיין ליצנות און קיין לשון הרע, און נישט האבען קיין קנאה אדער שנאה, דרום איז זייער גלייך אז דעם גאנצען טאג פונ׳ם תענית זאל מען זיין אליין :
טז) ראוי. עס איז זייער גלייך דאס מען זאל נישט האבען קיין הנאה פון דער וועלט, אויסער פערגעניגען פון א מצוה זאך :
יז) יזהר. א מענטש דארף זיין זעהר געווארענט נישט צו האבען קיין הנאה פון א איסור-זאך :
יח) לא. א מענטש דארף נישט עסען קיין זאך וואס איז שעדליך צום קערפער :
יט) לא. א מענטש דארף נישט עסען קיין סעודה מיט א געזעלשאפט, אויסער א סעודת מצוה :
כ) יזהר. א מענטש דארף זיין געווארענט אז אלע זיינע קליידער זאלען זיין ריין און שיין :
כא) יהיה. א מענטש דארף זיך פיהרען אז אויב מען זידעלט איהם, זאל ער נאר נישט ענטפערען :
כב) ראוי. א גאנצע וואך דארף א מענטש זיך אפשיידען פון פלייש אדער אנדערע פערגעניגען, וואס איז איהם נישט זייער נייטיג :
כג) לא. אום שבת דארף א מענטש נאר נישט טראכטען פון וואכעדיגע זאכען אדער געשעפטליכע זאכען, אזוי ווי די גמרא דערציילט א מעשה אין שבת [דף ק״נ ע״ב] אז ביי א חסיד איז דער פלאט פון זיין פעלד געווארען צו־ף געבראכען האט ער זיך בעקלערט אום שבת וואס פאר איין פלאט ער זאל מאכען אין דער וואכען, דערווייל האט ער זיך דערמאנט אז ער טראכט דאס אום שבת, וואס מען טאר נישט טראכטען פון וואכעדיגע זאכען, דרום האט ער בעשלאסען אז ווייל ער האט דאס געטראכט אום שבת זאל ער שוין קיינמאל קיין שום פלאט נישט מאכען, [כן פי׳ הט״ז סי׳ ש״ז סק״ד]. האט איהם גאט א נס געטהון און עס איז דארטען אויס געוואקסען א קאפפער-בוים, האט ער דערפון געהאט פערדיענסט פאר זיך און פאר זיין גאנצער פאמיליע :
כד) לא. א מענטש דארף נישט אויס זאגען אדער בעוואוסט מאכען פאר מענטשען זיינע גוטע מעשים אדער מצות וואס ער טהוט פערבארגענערהייט, נאר אלץ זאל ער טהון צוליעב גאט׳ס וועגען :
כה) לא. אום שבת דארף מען נישט ריידען קיין שום איבעריג ווארט :
כו) יהיה. אום שבת דארף מען זיין זעהר געווארענט, נאך מעהר פון אין דער וואכען אין אלע ענינים, אז ער זאל נישט קאליע מאכען אפילו מיט א איינציגען ווארט :
כז) בבל. אין יעדען חודש דארף מען זיין פאר זיך אליין חאטש איין טאג, אויב עס איז מעגליך אין בית הכנסת אדער אין בית המדרש איז געוויס גוט, און אויב נישט זאל זיין חאטש ביי

## ספר חסידים החדש

הרי טוב, ואם לאו יהי' בביתו בחדר סגור, ולא ידבר עם שום אדם, ויחלק היום לג' חלקים, חלק א' יפשפש במעשיו, וח"א לתורה, וח"א לתפילה, ויתחיל מערב עד ערב, ואם הוא חשוש שא"א לו יתחיל מבוקר עד ערב, ויהי' כל היום קודש, ולא יחשוב שום דבר מעסקי העולם הזה, אלא יהיה דבוק בקדושה כל היום, ויתודה על עוונותיו, וילמוד אותו היום משניות מס' כריתות וגם ראוי לעשות צוואה אחריו באותו יום, כדי מתוך זה יכיר יום פקודה, ויבא לו חיל ורעדה לקיים מצות ה':

כח) מתחלה ילמוד טור אורח חיים ואח"כ טור יורה דעה ואח"כ טור חושן משפט ואח"כ טור אבן העזר:

כט) יהי' בקי בהלכות ברכות כדי לידע האיך לברך על כל מין ומין לפני' ולאחרי':

ל) לא יקח ילד בתוך חיקו סמוך למנחה דשמא יטנף בגדיו ובתוך שיחזיר אחר מים לנקות בגדו יעבור זמן מנחה:

לא) עכ"פ יתבודד שני ימים בשבוע ויעסוק בתורה כפי יכולתו:

לב) ירגיל עצמו מאוד במדות ענוה:

לג) כל הליכתו ומעשיותיו לא יהי' רק לדבר מצוה:

לד) יגמור בכל יום ספר תהלים:

לה) יקרא בכל חודש מגלת קהלת:

לו) ירחיק עצמו מכל מיני שחוק:

לז) לא ילך במלבושים נאים ויקרים כחוקת הגוים:

לח) יקח לכל דבר מצוה אף שלא יהי' לפי כבודו:

יהי'

## דעם מאנטאג'דיגען טאג

בײַ איהם אין שטוב אין א פערשלאָסענעם צימער, און ער זאָל נישט רעדען מיט קײן מענטש, און ער זאָל צוטײלען דעם טאָג אויף דרײַ טהײל, אײן טהײל אויף צו בעקלערען זײַנע מעשים, און אײן טהײל אויף צו לערנען תורה, און אײן טהײל אויף צו דאַווענען, און דער טאָג זאָל זיך אָנהײבען פון אָװענד ביז דעם צווײטען אָװענד, און אויב ער איז א שוואַכער מענטש וואָס דאָס איז פאַר איהם אוממעגליך זאָל ער אָנהײבען פון אין דער פריה ביז אָװענד, און דער גאַנצער טאָג זאָל בײַ איהם זײַן הײליג, און יענעם טאָג זאָל ער גאָר נישט קלערען פון וועלטליכע זאַכען, נאָר א גאַנצען טאָג זאָל ער זײַן בעהעפט צו הײליגקײט, און ער זאָל זיך מתודה זײַן אויף זײַנע זינד, און יענעם טאָג זאָל ער לערנען משניות פון מסכת כריתות, אויך איז גליך אז יענעם טאָג זאָל ער מאַכען א צוואה, אום דורכדעם זאָל ער געדענקען יענעם טאָג וואָס מען וועט שיקען נאָך איהם, וועט אין איהם אַרײַן קומען פאַרכט און ציטערניש צו ערפילען גאָט'ס געבאָט:

כח) מתחלה. א מענטש דאַרף פריהער לערנען טור אורח חיים, און נאָכדעם טור יורה דעה און נאָכדעם טור חושן משפט, און נאָכדעם טור אבן העזר:

כט) יהיה. א מענטש דאַרף זײַן קלאָר אין די דינים פון ברכות, כדי צו וויסען וואָס צו בענטשען אויף יעדער מין פריהער און דערנאָך:

ל) לא. א מענטש דאַרף נישט האַלטען א קינד אין שוים נאָהענט צו מנחה, דען טאָמער וועט עס אײַנשמוצען זײַנע קלײדער, און ביז ער וועט קריגען וואַסער אָפּצוװאַשען די קלײדער, וועט דערווײַל אַדורך גײן די צײַט פון מנחה:

לא) על כל פנים. ווײניגסטענס דאַרף א מענטש זײַן פאַר זיך אַלײן צווײ טאָג אין דער וואָך, און לערנען תורה לויט זײַן מעגליכקײט:

לב) ירגיל. א מענטש דאַרף זיך אײַנגעוואוינען מיט דער מדה פון ענוה:

לג) כל. אַלע זײַנע גענג און בעשעפטיגונג זאָל זײַן נאָר צו מצוה זאַכען:

לד) יגמור. אַלע טאָג דאַרף מען ענדיגען א ספר פון תהלים:

לה) יקרא. אַלע חודש דאַרף מען לײענען קהלת:

לו) ירחיק. א מענטש דאַרף זיך דערווײטערען פון אַלע סאָרטען געלעכטער:

לז) לא. א מענטש דאַרף נישט גײן אין אױסלענדישע שײנע קלײדער און טהײַערע ווי די עכו"ם:

לח) יקח. א מענטש דאַרף נעמען צו יעדע דבר מצוה חאָטש עס איז נישט לויט זײַן כבוד:

יהיה

## ספר חסידים החדש

לט) יהי׳ זהיר במצות הוכח תוכיח אם יש בידו למחות:
מ) יהי׳ רגיל להתפלל ברמעות שבודאי אין תפלתו חוזרת ריקם:
מא) לא ידבר בבית הכנסת שיחה בטלה:
מב) יפרוש מכל ממונו חומש כדי שיהי׳ מצוי בידו לעשות ממנו צדקה וג״ח:
מג) יעשה צדקה בכל עת זה המשאיל ספרים שלו לאחרים:
מד) כל ברכה שצריכה להיות בעמידה כגון שמונה עשרה או שאר ברכות גם עניית אמן שלה צריך להיות בעמידה:
מה) התפלה יהי׳ במתון כל תיבה ותיבה בשפה ברורה ומלה במלה ובכל הנקודות ולא יבליע שום תיבה או אות א׳:
מו) ראוי שלא יעבור שום לילה בשינה וילמוד ג׳ חלקי הלילה בפשוטה של תורה וחלק רביעי בסודות התורה עד אור היום:
מז) יזהר בכל ברכותיו להבין פי׳ המלות:
מח) יזהר להתפלל לעולם בעשרה:
מט) לא יסעור בסעודה כ״א שיכנס עמו עני אחד להיות סועד עמו:
נ) בשעת חזרת הש״ץ יכוין על כל ברכה וברכה ויהיה נזהר מאמן יתומה ומאמן חטופה כמבואר בש״ע:
נא) יתפלל שמונה עשרה בעינים סגורות ואם מתפלל מתוך הסידור יתפלל בעיניו סגורות:

כשנכק״ש

## דעם מאנטאג׳דיגען טאג

לט) יהיה. א מענטש דארף זיין געווארענט מקיים צו זיין די מצוה פון הוכח תוכיח, שטראפען יענעם מענטשען וואס ער זעהט אז ער טהוט חלילה א עבירה אויב ער קאן ווערין:
מ) יהיה. א מענטש דארף זיין געוואהנט צו דאווענען מיט טרעהרען, ווייל דורכדעם וועט זיין תפלה געוויס ווירקען נישט צוריק צו גיין לעהר:
מא) לא. אין שוהל טאר מען נישט רעדען פוסטע רייד:
מב) יפרוש. א מענטש דארף אפשיידען א פינפטעל פון זיין גאנץ געלד, כדי ער זאל שטענדיג האבען צדקה-געלד, דערמיט צו טהון צדקה און גמילת חסד:
מג) יעשה. עס איז א מצוה צו בארגען זיינע ספרים, און דערמיט ווערט גערעכענט אזוי ווי מען וואלט שטענדיג געטהון צדקה:
מד) כל. יעדע ברכה וואס מען דארף זאגען שטייענדיגערהייט, דהיינו שמונה עשרה, אדער אנדערע ברכות, דארף מען דעם אמן אויך זאגען שטייענדיגערהייט:
מה) התפלה. אז מען דאווענט דארף מען דאווענען פאמעלאך, יעדער ווארט בעזונדער, און זאגען ריכטיג די נקודות, און נישט איינשלינגען א ווארט אדער א אות:
מו) ראוי. עס איז זייער גלייך אז מען זאל נישט שלאפען א גאנצע נאכט, דהיינו דריי טהייל פון דער נאכט זאל מען לערנען פשטות התורה, און די פיערטע טהייל נאכט זאל מען לערנען סודות התורה, ביז עס ווערט טאג:
מז) יזהר. מען זאל זיין געווארענט צו וויסען דעם טייטש פון יעדע ברכה:
מח) יזהר. מען דארף זיין געווארענט שטענדיג צו דאווענען מיט א מנין:
מט) לא. מען דארף נישט גיין עסען ביז מען נעמט ארין א אריםאן וואס זאל אויך מיט עסען:
נ) בשעת. אז דער חזן זאגט די הויכע שמונה עשרה דארף מען דייטליך אויס הערען יעדע ברכה, און מען דארף זיין געווארענט נישט ענטפערען קיין אמן יתומה אדער א אמן חטופה, אזוי ווי עס שטייט אין שולחן ערוך. [א אמן יתומה איז אז מען הערט ווער עס לאזט אויס א ברכה און מען הערט נישט וואס א ברכה יענער לאזט אויס, דאס הייסט א אמן יתומה, טאר מען קיין אמן נישט נאך זאגען נאך אזוי א ברכה, דאס איז א סכנה. און א אמן חטופה איז אז איידער דער בעל תפלה ... מאכט ... לאזט אויס די גאנצע ברכה טאר מען קיין אמן נישט ענטפערען, דאס איז א סכנה. נאך איז פערהאנען א אמן יתומה אז מען ענטפערט נישט באלד אמן ווי יענער ענדיגט די ברכה נאר ער ווארט מיט דעם אמן, איז אויך א אמן יתומה ח״ו]:
נא) יתפלל. שמונה עשרה דארף מען דאווענען מיט צו געמאכטע אויגען, און אויב מען דאווענט

פ״

## ספר הסידים החדש

נב) בשעת קידוש הלבנה ילבש בגדי החמודות שלו:
נג) ילמוד חכמת הדקדוק היטב כדי שיוכל לדקדק בתפלה היטב:
נד) יזהר להיות בבית הכנסת מעשרה ראשונים:
נה) יהדר להיות סנדק לטול התינוק על ברכיו:
נו) יתן צדקה קודם תפלתו:
נז) יזהר בטבילה לטהר נפשו מכל טומאה:
נח) ירחיק עצמו משבועות ונדרים ותקיעת כף:
נט) יאמר תפלות התנאים הנזכר בפרק הי' קורא (דף ט"ז ע"ב):
ס) יזהר מאוד שלא ישהה נקביו:
סא) ראוי להיות לו בגדים מיוחדים לתפלה:
סב) התפילין של יד יהדק בחוזק בזרוע, כדי שמתוך הכאב ימשש בהן בכל עת:
סג) מיד לאחר התפלה בשחרית ילמוד דבר מה אף פסוק אחד אם אין לו פנאי יותר:
סד) לא יפסיק בשיחה בטילה באמצע לימודו:
סה) אם לא ידע לברך על איזה דבר אל יאכל או לא יהנה ממנו עד שילמוד וידע:
סו) יהי' נזהר מאוד שלא ילך בטל אפי' שעה אחת:
סז) יקבל אורחים בסבר פנים יפות:
סח) יתן צדקה בסתר כפי יכולתו:
סט) לא ינשק בנו בבית הכנסת:

אל

## דעם מאנטאג'דיגען טאג

פון א סידור, זאל ער קוקען נאר אין סידור, עס זאל זיין פונקט אזוי ווי ער וואלט געהאלטען צו געמאכט די אויגען:

נב) בשעת קידוש. אז מען איז מקדש די לבנה דארף מען אהן טהון שיינע קליידער:
נג) ילמוד. מען דארף לערנען דקדוק, כדי צו דאווענען מיט דקדוק:
נד) יזהר. מען זאל זיין געווארענט צו קומען אין שוהל פון די ערשטע צעהן מענטשען:
נה) יהדר. א מענטש זאל זעהן מיט אלע מעגליכקייט צו זיין א סנדק, אז מען זאל קענען האלטען א קינד אויף זיין שויס:
נו) יתן. פאר'ן דאווענען דארף מען געבען צדקה:
נז) יזהר. מען דארף זיין געווארענט אלע מאל גיין טבילה, כדי צו רייניגען זיך פון יעדער טומאה:
נח) ירחיק. א מענטש דארף זיך דערווייטערען נישט צו שווערען און נישט צו טהון קיין נדר און נישט געבען קיין תקיעת כף:
נט) יאמר. א מענטש דארף זאגען די תפלות וואס די תנאים האבען געבעטען, אזוי ווי עס שטייט אין מסכת ברכות (דף ט"ז ע"ב):
ס) יזהר. א מענטש דארף זיין פארזיכטיג זיך נישט איינצוהאלטען די מענשליכע נקיות:
סא) ראוי. עס איז זייער גליך אז צום דאווענען זאל מען האבען בעזונדערע קליידער:
סב) התפילין. די תפילין של יד דארף מען גוט צו ציהען אויפ'ן האנד, דען דורך דעם וויטאג וועט ער געדענקען צו טאפען זיי אלע ווייליע:
סג) מיד. באלד נאכ'ן דאווענען אין דער פריא דארף מען עפעס לערנען, האטש איין פסוק אויב ער האט נישט קיין צייט צו לערנען מעהר:
סד) לא. אין מיטען לערנען טאר מען נישט מפסיק זיין מיט פוסטע רייד:
סה) אם. אז מען ווייסט נישט אויף א עסענווארג וואס א ברכה מען דארף מאכען, זאל מען זאלכעס נישט עסען און נישט קיין הנאה האבען ביז מען זאל לערנען די דינים דערפון און וויסען ריכטיג:
סו) יהיה. מען דארף זיין געווארענט נישט צו גיין ליידיג אפילו א קורצע צייט:
סז) יקבל. אורחים דארף מען צונעמען מיט א פריינדליכען געזיכט:
סח) יתן. מען דארף געבען צדקה פערבארגענערהייט, לויט די מעגליכקייט:
סט) לא. אין שוהל זאל מען נישט קושען קיין קינד:

אל

## ספר חסידים החדש

ע) אל יגנוב דעת חבירו:
עא) ידון כל אדם לכף זכות:
עב) לא יעשה דבר שיחשדוהו בו אדם, שלא להכשיל רבים:
עג) אל יאמר שום ניחוש:
עד) מצוה הבא לידך אל תאמר אתחיל בר״ח או בשאר זמנים אלא כל הזמנים שוין ומאן דקפיד וכו׳:
עה) יזהר בכבוד אשתו:
עו) יפזר ממון עד שליש בהידור מצוה:
עז) בצאתו לדרך יצא בכי טוב:
עח) אל יעמיד עצמו במקום סכנה, ואל יסמוך על נס:
עט) אל יכנוס לביתו או לבית חבירו פתאום:
פ) אל יצער שום בעלי חיים וכ״ש אדם:
פא) אל תשכן באהליך עולה דהיינו ספר שאינו מוגה:
פב) אל תניח ביתך בלא מעקה ובן ירחיק מביתו כל דבר המזיק:
פג) אין שואל רשאי להשאיל:
פד) אל יאכל סמוך לזמן התפלה:
פה) יזהר בקריאת שמע על מטתו:
פו) ישלים פרשיותיו עם הצבור בכל שב״ע שמו״ת עם פירש״י:
פז) אל יאכל בערב שבת מן המנחה ולמעלה:

## דעם כאַטאָגדיגען טאָג

ע) אל. מען טאָר נישט גנב׳ענען די דעה פון דעם צווייטען:
עא) ידון. יעדערען מענטש דאַרף מען דן זיין לכף זכות:
עב) לא. מען טאָר נישט טהון אַ זאַך וואָס מענטשען זאָלען איהם חושד זיין אַז ער האָט געטהון אַ עבירה, אַז ער זאָל דערמיט נישט שטרויכלען מענטשען:
עג) אל. מען טאָר נישט זאָגען קיין ניחוש:
עד) מצוה. אַז עס קומט פאָר אַז דו זאָלסט טהון אַ מצוה־זאַך זאָלסטו נישט זאָגען, איך וועל דאָס אָנהייבען טהון אום ראש חודש, אָדער אין אַ אַנדערע צייט, נאָר אַלע צייטען זאָלען ביי דיר זיין גלייך:
עה) יזהר. אַ מענטש דאַרף זיין געוואָרענט בכבוד צו האַלטען זיין ווייב:
עו) יפזר. אויף די שיינקייט פון אַ מצוה דאַרף מען אויסגעבען ביז אַ דריטעל געלד מעהר וויפיעל עס איז ווערט:
עז) בצאתו. אַז מען גייט אין וועג דאַרף מען אוועק גיין ווען עס איז ליכטיג:
עח) אל. אַ מענטש דאַרף זיך נישט אַיינשטעלען אין אַ געפעהרליכען אָרט, און דאַרף זיך נישט פערלאָזען אויף אַ נס:
עט) אל. אַ מענטש דאַרף נישט אַריין גיין פלוצלונג אין זיין שטוב, אָדער אין אַ פרעמדע שטוב:
פ) אל. מען טאָר נישט אָנטהון קיין צער קיין לעבעדיגע זאַך, און אַ כל שכן אַ מענטשען טאָר מען געוויס נישט אָנטהון קיין צער:
פא) אל. מען טאָר נישט האַלטען אין שטוב אַ אומרעכט, דאָס מיינט מען אַ ספר וואָס איז נישט ריכטיג איבערגעזעהן:
פב) אל. זאָלסט נישט לאָזען דיין שטוב אָהן אַ גאַניק, אויך זאָלסטו דערווייטערען פון דיין שטוב יעדע געפעהרליכע זאַך:
פג) אין. אַז אַ מענטש באָרגט עפּעס ביי עמיצען טאָר ער דאָס נישט פערבאָרגען אַ צווייטען:
פד) אל. אַז עס איז נאָהענט צו די צייט פון דאַווענען טאָר מען נישט עסען:
פה) יזהר. מען דאַרף זיין געוואָרענט צו לייענען קריאת שמע פאַר׳ן שלאָף:
פו) ישלים. אַלע וואָך דאַרף מען ענדיגען די סדרה צוויי מאָל יעדען פסוק און איין מאָל דעם תרגום, און אויך דעם פירוש פון רש״י:
פז) אל. פרייטאָג טאָר מען נישט עסען פון דער צייט פון זמן מנחה:

אַף

ספר חסידים החדש

פח) אף על פי שיש לו עבדים יטריח בעצמו לכבוד שבת:
פט) יעשה שלום בין איש לאשתו ובין אדם לחבירו:
צ) תקנה גדולה לקנות לך חבר והתיעץ עמו תמיד איך לעשות מלאכת ה׳ כראוי:
צא) יזהר לטבול כלים הקונה מעכו״ם אפילו הם ישנים:
צב) לא יעשה שום מלאכה בחול המועד:
צג) לא יכנה שם לחבירו אפילו דדש בשמו לא יקראנו:

# ליום שלישי

א) כל מה שיחדש בתורה יהי׳ רגיל בפיו, ויחזור תמיד מה שחידש, ועז״א אמרו [אבות פרק ג׳] כל השיכח דבר א׳ ממשנתו דייקא:
ב) בשעת הג״ת ספר התורה יראה באותיות התורה אולי יראה אות שיש לו אחיזה בו, כי כל ישראל יש להם אחיזה באות אחד ויבוא לו על ידי זה הארה גדולה לנשמתו:
ג) אל יזלזל בפרורי לחם:
ד) עיקר זמן נתינת הצדקה בערב שבת ובערב יו״ט:
ה) יזהר מאוד ליתן שכר שכיר ביומו:
ו) ילמוד משניות בעל פה עם פירוש:
ז) יהי׳ רגיל לומר ד״ת בשם אומרו כי האומר דבר בשם אומרו וכו׳:

אל

## דעם מאנטאג׳דיגען טאג.

פח) אף על פי. חאטש א מענטש האט קנעכט פון דעסטוועגען דארף ער זעלבסט זיך בעמיהען אהן צו גרייטען לכבוד שבת:
פט) יעשה. א מענטש דארף מאכען שלום צווישען א מאן און זיין ווייב, און צווישען צוויי מענטשען:
צ) תקנה. עס איז זעהר נוציג אז מען זאל זיך קויפען א חבר, און מיט איהם זיך שטענדיג מיישב זיין ווי אזוי צו טהון ריכטיג דעם איבערשטענס ווילען:
צא) יזהר. מען דארף זיין געווארענט אז מען זאל טובל׳ען די כלים וואס מען קויפט ביי א עכו״ם, חאטש זיי זענען אלטע און מען כשר׳ט זיי:
צב) לא. אום חול המועד טאר מען נישט טהון קיין ארבייט:
צג) לא. מען טאר קיינעם נישט אן רופען מיט א ביי-נאמען, חאטש יענער איז געוואהנט מיט דעם נאמען פון דעסטוועגען טאר מען איהם דאס נישט רופען:

## דעם דינסטאג׳דיגען טאג

א) כל. אלץ וואס א מענטש טהוט עפעס אויף אין לערנען, זאל דאס זיין געוואהנט ביי איהם אין מויל, און ער זאל שטענדיג חזר׳ן, וואס ער האט אויפגעטהון אין לערנען, און דערויף האבען די חז״ל אן געזאגט [אבות פרק ג׳] אז מען פערגעסט עפעס פון „זיין" לערנען כו׳:
ב) בשעת. בשעת מען הייבט אויף די ספר תורה זאל ער קוקען אין די אותיות, ווייל טאמער וועט ער זעהן א אות וואס ער האט אין דעם א אנהאלטונג, ווייל יעדער יוד האט א אנהאלטונג אין איין אות פון דער הייליגער תורה, און דורכדעם וואס ער וועט קוקען אויף דעם אות וואס ער האט אין איהם א אנהאלטונג וועט ער בעקומען א גרויסע ליכטיגקייט צו זיין נשמה:
ג) אל. מען טאר נישט פערשעמען ברעקלעך ברויט:
ד) עיקר. די הויפט זאך פון צו געבען צדקה איז ערב שבת און ערב יום טוב:
ה) יזהר. מען דארף זיין געווארענט יעדען טאג בעצאהלען דעם געדונגענעם ארבייטער:
ו) ילמוד. מען דארף לערנען משניות מיט א פירוש פון אויסענווייניג:
ז) יהיה. א מענטש דארף זיין געווארענט צו זאגען דברי תורה אינ׳ם נאמען פונ׳ם מענטש וואס ער

דעם

ספר חסידים החדש

ח) אל יאמר לשום בעל דין הדיין עשה לך שלא כהוגן:
ט) לא יקלל לשום אדם מישראל הכשרים:
י) לא יקלל את עצמו:
יא) בשבת ילמוד קבלה:
יב) בגדי יום טוב יהיו יותר טובים מבגדי שבת:
יג) יזהר לשלוח מעות לעניים לצורך יום טוב:
יד) לא יחמוד שום דבר שרואה אצל חבירו:
טו) יזהר מאוד מלשון הרע אפילו אבק לשון הרע:
טז) יזהר מאוד מנקימה ונטירה:
יז) לא יגלה ממעשים טובים שלו:
יח) יזהר מאוד כל דיבור שיוציא מפיו יהיה הכל ביראה:
יט) קודם שישן בלילה יחשוב כל מה שעשה אותו היום, הן בדיבור או בשאר דברים, ומה שהוא שלא כהוגן יתחרט עליו, ויעשה תשובה, ומיד יעשה לו נדר שלא ישוב עוד, ויעשה תיקון לתקן עבירה זו:
כ) מאוד יהי׳ נזהר בשתיקה שלא לדבר אפילו דיבור א׳ שלא לצורך:
כא) מאוד יהיה נזהר מנדרים אפילו בעת צרה:
כב) יהיה נזהר קודם שמתפלל על איזה דבר יקדים וידוי ויאמר חטאתי וכו׳ ואחר כך יתפלל על צרכיו:
כג) כשבא לו איזה בשורה טובה אפילו היא בעיניו טובה מועטת, מיד יתן שבח והודיה להשם ברוך הוא, וגם כשמחדש איזה דבר בלימודו יתן הודיה:

כשאדם

## דעם רינסטאנ׳דיגען טאג

דאס דאס פון איהם געהערט, ווייל אז מען זאגט אינ׳ם נאמען פונ׳ם מענטש וואס מען האט דאס פון איהם געהערט, ברענגט מען די גאולה אויף דער וועלט:

ח) אל. מען טאר נישט זאגען צו קיין בעל דין, דער דיין האט דיר נישט ריכטיג גע׳משפט:
ט) לא. מען טאר נישט שעלטען קיין יוד:
י) לא. א מענטש טאר זיך נישט שעלטען:
יא) בשבת. אום שבת דארף מען לערנען קבלה:
יב) בגדי. די קליידער וואס מען גייט אום יום טוב זאלען זיין בעסערע קליידער פון די שבת׳דיגע:
יג) יזהר. מען דארף געווארענט זיין צו שיקען ארימע לייט געלד אויף יום טוב:
יד) לא. מען טאר נישט גלוסטען קיין זאך וואס מען זעהט ביים חבר:
טו) יזהר. מען דארף זיין זעהר געווארענט נישט רעדען קיין לשון הרע אפילו אויפ׳ן וואונק:
טז) יזהר. מען דארף זיין זעהר געווארענט נישט זיין קיין נוקם ונוטר:
יז) לא. מען דארף נישט בעוואוסט מאכען זיינע גוטע מעשים:
יח) יזהר. מען דארף זיין זעהר געווארענט אז יעדעס ווארט וואס מען רעדט ארויס פונ׳ם מויל זאל זיין מיט גאט׳ס פארכטיגקייט:
יט) קודם. ביי נאכט איידער מען גייט שלאפען דארף יעדער מענטש איבער רעכענען אלץ וואס ער האט געטהון דעם גאנצען טאג, סיי מיט ריידן און סיי מיט אנדערע זאכען, און אויב ער האט געטהון זאכען וואס זענען א עבירה, זאל ער דעריויף חרטה האבען, און טהון תשובה, און באלד מאכען זיך א צאהם אז מעהר זאל ער שוין אזעלכעס נישט טהון, און ער זאל טהון א תיקון צו פאררייכטען די עבירה:
כ) מאד. מען דארף זיין זעהר נזהר אין די מדה פון שווייגען, נישט צו רעדען אפילו איין ווארט וואס איז נישט נויטיג:
כא) מאד. מען דארף זיין זעהר פארזיכטיג נישט צו טהון קיין נדר, אפילו אין דער צייט פון א צרה רחמנא לצלן:
כב) יהיה. איידער מען בעט אויף עפעס דארף מען פריהער זאגען וידוי „חטאתי עויתי וכו׳ און נאכדעם זאל ער בעטען זיין פערלאנג:
כג) כשבא. אז עס קומט א מענטש א בשורה טובה, חאטש עס איז א קליינע טובה, זאל ער באלד

## ספר חסידים החדש

כד) כשאדם יודע שהוא מפיח בעת השינה אל יישן תוך ד׳ אמות של ספרים אם לא שמכסה הספרים, וראוי להחמיר אף חוץ לד׳ אמות:

כה) יהי׳ זהיר שלא לאכול אצל כל אדם וכפרט שלא יהנה מרע עין:

כו) יהיה זהיר להתפלל דוקא בציבור:

כז) יהיה נזהר מאוד להיות עלוב ואינו עולב שומע חרפתו ואינו משיב:

כח) יתפלל בתוך תפלתו שהשם ברוך הוא יצילהו מכעס ומגאוה, וידריכהו במידת ענוה:

כט) כשנותן לעני איזה צדקה יכוון ליחד שם הוי״ה ב״ה, הפרוטה היא יו״ד מן השם וה׳ אצבעות שנותן בו בעל הבית היא ה״א ראשונה של השם, וכשפושט ידו ליתן לעני כדמות וי״ו ועני המקבל הפרוטה בה׳ אצבעות ה״א אחרונה שבשם:

ל) יהיה זהיר להתפלל על זרעו ועל זרע זרעו שיהיו צדיקים ותלמידי חכמים ואוהבי השם ברוך הוא:

לא) יהיה זהיר לעשות הזמנה לברכת המזון ויאמר הריני מוכן ומזומן וכו׳ ובזה מסלק הסטרא אחרא ר״ל:

לב) לא יאכל אכילה גסה:

לג) כשאדם חלוש ואינו יכול להתענות ואוכל בזמן הראוי להתענות כשהוא יושב לאכול יאמר בפה מלא „אין אני אוכל להנאת גופי אלא לבריאת הגוף לעבודת הש״י״:

לד) יתבודד יום אחד בחודש להתפלל לה׳ שיצילו אותו ואת כל אשר לו מכל צרה וציקה וצער:

ירחיק

## דעם דינסטאג׳דיגען טאג

דאנקען און לויבען דעם אייבערשטען, אויך אז מען טהוט עפעס אויף און לערנען דארף מען אויך באלד לויבען דעם אייבערשטען:

כד) כשאדם. אז א מענטש ווייסט אז ער איז מפיח בשעת ער שלאפט, זאל ער נישט שלאפען אין פיער איילען וואס עס ליגען דארטען ספרים, סיידען ער רעקט צו די ספרים, און גם איז זייער גלייך דאס מען זאל מחמיר זיין אפילו חוץ די פיער איילען:

כה) יהיה. א מענטש דארף זיין נעהיט נישט צו עסען ביי יעדען מענטש, און איבערהויפט נישט האבען קיין הנאה פון א קארגען מענטש:

כו) יהיה. מען דארף זיין געווארענט אז מען זאל דאווענען דוקא מיט א מנין:

כז) יהיה. א מענטש דארף זיין זעהר געווארענט צו לאזען זיך פארשעמען, און ער זאל קיינמאל נישט פארשעמען, הערען אויף זיך שאנד-רייד און דערויף גאר נישט ענטפערען;

כח) יתפלל. בשעת מען דאווענט דארף מען בעטען דעם אייבערשטען אז ער זאל איהם אהן היטען פון כעס, און פון גרויסקייט, און ער זאל איהם פיהרען אין דער מדה פון ענוה:

כט) כשנותן. אז מען גיט צדקה א אריטאן דארף מען אין זינען האבען דערמיט מיחד צו זיין דעם שם הוי׳ ברוך הוא, די פרוטה איז א יוד פון שם, און די פינף פינגער וואס ער גיט מיט זיי די צדקה איז דאס ערשטער אות ה׳, און אז ער ציהט אויס די האנד נעבען די צדקה דעם אריטאן איז דאס דער אות ו׳, און דער אריטאן נעמט דאס צו מיט די פינף פינגער איז דאס דער לעצטער אות ה׳ פון דעם שם הוי׳ ב״ה:

ל) יהיה: א מענטש דארף בעטען אויף זיינע קינדער און אויף זיינע קינדס-קינדער אז זיי זאלען זיין צדיקים און תלמידי חכמים און ליעב האבען גאט ברוך הוא:

לא) יהיה. איידער מען בענטשט דארף מען זאגען הריני מוכן ומזומן לקיים מ״ע של ברכת המזון וכו׳ דערמיט קערט מען אפ די סטרא אחרא רחמנא ליצלן:

לב) לא. א מענטש דארף נישט עסען קיין גראבע עסענווארג:

לג) כשאדם. אז א מענטש איז שוואך און ער קאן נישט פאסטען, און ער עסט אין דער צייט וואס מען דארף פאסטען, זאל ער זאגען בפירוש מיט דעם פילען מויל בשעה ער נעמט עסען, „איך עס נישט צוליעב מיין קערפערליכען פערגעניגען, נאר צוליעב דעם געזונד פון מיין קערפער, כדי איך זאל מיט איהם קאנען דיענען גאט ברוך הוא״:

לד) יתבודד. איין טאג אין חודש דארף מען זיין אליין און בעטען דעם אייבערשטען אז ער זאל בעשיצען איהם מיט זיין הויז געזונד, פון צרות און ענגשאפט און שמערצען:

ירחיק

## ספר חסידים החדש

לה) ירחיק מאוד ממידת הגאוה:

לו) כשדורש ברבים או מחדש איזה חידוש תורה בפני רבים אל ישמח אלא יאמר בלבו כי המה גדולים ממני ומה אני ומה חיי:

לז) יזהר לחדש חידושי תורה:

לח) כשיהיה לו איזה משפט עם חבירו יראה לוותר איזה דבר שלא יצטרך לילך עמו בדיינא ודינא:

לט) לא יגע בידו למטה מטיבורו:

ס) יזהר מאוד מלהסתכל בנשים החוזרין מן המת:

מא) יזהר מאוד מכעס:

מב) אל יגביה קולו אפי' בביתו אלא ידבר בנמוך כאלו מדבר לפני מלך:

מג) התפלה יהיה בכוונת הלב, וקודם התפלה יפנה מחשבתו מעסקי עולם:

מד) יזהר לקבוע מקום לתפלתו:

מה) אם באו יסורין ח"ו על אדם יקבלם באהבה:

מו) יזהר שלא ליתן מטתו בין מזרח למערב אף כששוכב יחידי וכ"ש עם אשתו:

מז) יזהר לקרות ק"ש בכוונת הלב:

מח) יזהר שלא לדבר על שוכני עפר:

מט) יזהר להיות כל גופו וכל בגדיו נקיים בעת התפלה:

נ) אסור להנות מעה"ז בלא ברכה:

נא) יכבד בגופו ובממונו תלמידי חכמים:

יזהר

## דעם דינסטאג'דיגען טאג

לה) ירחיק. אַ מענטש דארף זיך זעהר דערווייטערען פון דער מדה פון גאוה:

לו) כשדורש. אז אַ מענטש דרשנ'ט פאַר'ן עולם, אָדער אז ער זאגט עפּעס אַ חידוש אין דער תורה פאַר'ן עולם, זאָל ער זיך נישט פרעהען, נאָר ער זאָל טראַכטען אין הארצען אז דאָס פּובליקום זענען פערשטענדליכע מענטשען פאַר מיר, און וואָס בין איך, און וואָס איז ווערט מיין לעבען:

לז) יזהר. אַ מענטש דארף זעהן מחדש צו זיין אויפצוטהון עפּעס אין דער תורה:

לח) בשידיה. אז אַ מענטש האָט אַ משפט מיט זיין חבר זאָל ער גלייכער עפּעס נאָך לאזען, איידער ער זאָל גיין מיט איהם צו אַ דין תורה:

לט) לא. מען דארף נישט האלטען זיין האַנד נידעריגער פון נאַפּיל:

ס) יזהר. מען דארף זיין זעהר פארזיכטיג נישט צו קוקען אויף נשים, מכש"כ אויף די נשים וואָס קומען צוריק פון הלוית המת:

מא) יזהר. מען דארף זיין זעהר געווארענט אז מען זאָל נישט זיין אין כעס:

מב) אל. אַ מענטש דארף קיינמאָל נישט ריידען הויך, אפילו ביי איהם אין שטוב, נאָר ער זאָל ריידען שטיל, פונקט אזוי ווי ער וואָלט גערעדט צו אַ קיסר:

מג) התפלה. דער דאוונען דארף זיין מיט הערצליכע כוונה, און פאַר'ן דאוונען דארף מען די געדאנקען אַרוים טהון פון די וועלטליכע געשעפטען:

מד) יזהר. מען דארף בעשטימען אַ אָרט אויפ'ן דאוונען:

מה) אם. אויב עס קומט יסורים אויף אַ מענטש דארף ער דאָס צו נעמען מיט ליעבשאַפט:

מו) יזהר. אַ מענטש דארף זיין געווארענט נישט צו שטעלען זיין בעט צווישען מזרח און מערב, האָטש ער שלאָפט אַלעבסט, אַ כל שכן אויב דאָרטען שלאָפט אויך זיין ווייב:

מז) יזהר. מען דארף זיין געווארענט לייענען קריאת שמע מיט הערצליכע כוונה:

מח) יזהר. אַ מענטש דארף זיין פאָרזיכטיג נישט צו ריידען אויף געשטאָרבענע מענשען:

מט) יזהר. אַ מענטש דארף זיין געווארענט אז זיין גאַנצער קערפּער און אלע זיינע קליידער זאָלען זיין ריין בשעת'ן דאוונען:

נ) אסור. פון דער וועלט מאָר מען נישט קיין הנאה האָבען אָן אַ ברכה:

נא) יכבד. אַ מענטש דארף בכבוד האלטען תלמידי חכמים מיט זיין קערפּער און מיט זיין געלד:

יזהר

## ספר חסידים החדש

נב) יזהר מאוד ליתן צדקה כראוי לעניים הגונים:
נג) לא יזיק ממון חבירו:
נד) יתאמץ מאוד במה דאפשר לעשות שלום בין איש לאשתו:
נה) יזהר מאוד להיות לו אהבה ואחוה עם אשתו ואז שכינה שרוי ביניהם:
נו) כשמתפלל שמונה עשרה יכוין שהוא מתפלל כנגד בית קדשי קדשים:
נז) ישתדל מאוד להיות בקי במשניות:
נח) יכניס אורחים בתוך ביתו ויכבדם כפי יכולתו:
נט) בכל מעשיו יהי׳ בטחונו בהקב״ה:
ס) יזהר לשמוח בשמחת יום טוב ולהתענג בכל מיני תענוגים שאפשר:
סא) כשיקרה לו איזה היזק בתוך ביתו אל יכעוס כלל אלא יקבל באהבה מאת ה׳:
סב) בליל פסח כשאומר הגדה יראה עצמו כאלו הוא עצמו יצא ממצרים:
סג) יזהר שלא יסתכל בשום ע״ז, וכן לא יקרא בספרי חצונים וספרי מינים:
סד) יחבר עצמו אל חכמים וצדיקים:
סה) ילמוד הלכות פסח בפסח והלכות חג בחג וה״ה לשאר זמנים או ר״ח ילמוד דבר יום ביומו, ובפרט בענין קרבנות היום, ומה טוב אם יוכל לחדש איזה חידוש באיזו ענין שהזמן גורם:
סו) ראוי ונכון שילמוד על כל אכילה איזה לימוד מענין קרבנות דהיינו בש״ס ס׳ קדשים או שאר לימוד ואז אכילתו כאלו הקריב קרבן:

יהדר

## דעם דינסטאג׳דיגען טאג

נב) יזהר. א מענטש דארף זיין זעהר געווארענט צו געבען צדקה ווי געהעריג צו ארענטליכע ארימע לייט:
נג) לא. מען טאר נישט טהון א שאדען אינ׳ם חבר׳ס געלד:
נד) יתאמץ. א מענטש דארף זיך זעהר שטארקען מיט אלע מעגליכקייטען צו מאכען שלום צווישען א מאן און זיין ווייב:
נה) יזהר. א מענטש דארף זיין זעהר געווארענט אז עס זאל שטענדיג זיין א ליעבשאפט צווישען איהם און זיין ווייב, דען דעמאלט וועט די שכינה רוהען צווישען זיי:
נו) כשמתפלל. אז א מענטש דאווענט שמונה עשרה זאל ער אין זינען האבען אז ער דאווענט אנטקעגען דעם קדשי קדשים:
נז) ישתדל. א מענטש דארף זיך אן שטרענגען אז ער זאל זיין קלאר אין משניות:
נח) יכניס. א מענטש דארף נעמען אורחים צו זיך אין שטוב, און ער זאל זיי עהרליך האלטען לויט זיין מעגליכקייט:
נט) בכל. אין אלע בעשעפטיגונג פון מענטש דארף ער זיך פערזיכערען אין אייבערשטען:
ס) יזהר. א מענטש דארף זיין געווארענט זיך צו פרייען מיט די פרעהליכקייט פון יום טוב און זיך אן טהון אלע סארטען פערגעניגען וואס זייען נאר מעגליך, צוליעב גאטס וועגען:
סא) כשיקרה. אז א מענטשען טרעפט זיך עפעס א שאדען אין שטוב, זאל ער גאר נישט ווערען אין כעס, נאר מען דארף אלץ צו נעמען מיט ליעבשאפט פון גאט ב״ה:
סב) בליל. פסח ביי נאכט אז מען זאגט די הגדה דארף מען זיך פארשטעלען פונקט אזוי ווי ער זעלבסט איז יעצט ארויס געגאנגען פון מצרים:
סג) יזהר. א מענטש דארף זיין זעהר געווארענט נישט צו קוקען אויף קיין עבודה זרה [של כוכבים ומזלות] אויך זאל ער נישט לייענען אפיקורסישע ביכלעך ח״ו:
סד) יחבר. א מענטש דארף זיך בעהעפטען צו תלמידי חכמים און צו צדיקים:
סה) ילמוד. אום פסח דארף מען לערנען די דינים פון פסח, אויך יעדען יום טוב דארף מען לערנען די דינים פון דעם יום טוב, אויך יעדער צייט אדער ראש חודש דארף מען לערנען די דינים פון יענעם טאג, און איבערהויפט דארף מען לערנען די דינים פון די קרבנות וואס מען האט יענעם טאג מקריב געווען, און עס איז זעהר גליך אז מען זאל עפעס מחדש זיין אויפטוהן אין דעם ענין פון דער צייט:
סו) ראוי. עס איז זעהר גליך אז ביי יעדען עסען זאל מען עפעס לערנען פון דעם ענין פון קרבנות,

דהיינו

## ספר חסידים החדש

סז) **יהדר** שיהי' לו ספר תורה נאה בכל מיני הידור מצוה:
סח) **יקרא** שנים מקרא וא"ת בכל ע"ש מספר תורה אם אפשר לו:
סט) **ראוי** לכל ירא שמים שיהא בקי בתנ"ך בכל הטעמים והנקודות:
ע) **יזהר** שלא להשתמש בכלים חדשים שלא טבל במקוה תחלה:
עא) **לא** ידבר בחזרת הש"ץ שמונה עשרה:
עב) **לא** יוציא עצמו מן הכלל, בכל תפלותיו יאמר בלשון רבים:
עג) **יהי'** לו מלבושים מיוחדים לתפלה, שלא יכנס בהן לבית הכסא, ובפרט מנעלים שלו יהיו נקיים בעת התפלה:
עד) **יזהר** מאוד שלא יישן ביום אם לא שהוא בלתי אפשר לו ללמוד בלא שינת צהרים:
עה) **בשישן** ביום יקרא מקודם השינה ויהי נועם:
עו) **יהיה** רגיל לומר כל מה דעביד רחמנא לטב עביד:
עז) **לא** יעשה שום מלאכה או איזה חשבון סמוך להתפלה:
עח) **יטול** ידיו קודם התפלה אפילו עומד מלימודו:
עט) **צריך** להיות בקי בהלכות שבת:
פ) **צריך** להיות בקי בהלכות יום טוב:
פא) **בכל** שבת ילמוד איזה דינים בהלכות שבת:
פב) **מצוה** גדולה לשמח חתן וכלה ולדבר אליהם דברי ריצוי:

ילביש

## דעם דינסטאג'דיגען טאג

דהיינו אין ימ"א סדר קדשים, אדער אנ'אנדער לערנען פון קרבנות, דענסטמאל וועט זיין עסען ווערען גערעכענט פונקט אזוי ווי ער וואלט מקריב געווען א קרבן:
סז) **יהדר.** א מענטש דארף זעהן אז ער זאל האבען א שיינע ספר תורה מיט אלע פערפיצונגען אזוי ווי עס געהער צו דער מצוה:
סח) **יקרא.** אלע פרייטאג דארף מען לייענען פון א כשר'ע ספר תורה צוויי מאל יעדען פסוק, און איין מאל דעם תרגום, אויב עס איז איהם מעגליך:
סט) **ראוי.** עס איז זייער גלייך אז יעדער גאטספארכטיגער-מענטש זאל זיין קלאר אין תורה און נביאים און כתובים מיט דעם טראפ און נקודות:
ע) **יזהר.** מען דארף זיין געווארענט אז מען זאר נישט ניצען קיין נייע כלים איידער מען האט זיי פריהער גע'טובל'ט אין א מקוה:
עא) **לא.** בשעת דער חזן זאגט די הויכע שמונה עשרה טאר מען נישט רייד'ן:
עב) **לא.** א מענטש זאל זיך נישט ארויס נעמען פונ'ם כלל, נאר ביי אלע געבעט זאל ער זאגען א לשון רבים:
עג) **יהיה.** א מענטש דארף צו האבען ספעציעלע קליידער צום דאווענען, ער זאל נישט גיין מיט זיי אין בית הכסא, איבערהויפט זיינע שיך דארף מען אכטונג געבען אז זיי זאלען זיין ריין בשעת'ן דאווענען:
עד) **יזהר.** א מענטש דארף זיין געווארענט נישט צו שלאפען ביי טאג, סיידען אז עס איז איהם אוממעגליך צו לערנען אויב ער וועט נישט שלאפען:
עה) **כשישן.** אויב מען שלאפט ביי טאג זאל מען פריהער זאגען ויהי נועם:
עו) **יהיה.** א מענטש דארף זיין געוואהנט אז ער זאל שטענדיג זאגען „אלץ וואס דער אייבערשטער האט געטהון האט ער געטהון צום גוטען":
עז) **לא.** נאהענט צו די צייט פון דאווענען טאר מען נישט טהון קיין מלאכה אדער רעכענען א רעכענונג:
עח) **יטול.** פאר'ן דאווענען דארף מען וואשען די הענד חאטש ער שטייט אויף פונ'ם לערנען:
עט) **צריך.** א מענטש דארף זיין קלאר אין די דינים פון שבת:
פ) **צריך.** א מענטש דארף זיין קלאר אין די דינים פון יום טוב:
פא) **בכל.** אלע שבת דארף מען לערנען אביסעל דינים פון שבת:
פב) **מצוה.** עס איז א גרויסע מצוה צו דערפרייען דעם חתן מיט דער כלה, און ריידען צו זיי אנגענעמע רייד:

ביי

## ספר חסידים החדש

פג) ילביש ערומים:
פד) כל גמילות חסד שעושה עם שום אדם לא יהי׳ דעתו לתשלום גמול, רק יהי׳ כוונתו לשם שמים. שהולך בדרכי השם ברוך הוא שהוא גומל חסד עם כל בריותיו:
פה) יהיה רגיל לבקר חולים:
פו) לעולם יעשה לפנים משורת הדין:
פז) ישתדל לרוץ ולהתעסק לפני חולה להביא לו איזה רפואה:
פח) ישפוך נפשו בתחינות לפני המקום על החולה שישלח לו רפואה:
פט) לא ישב אצל ראשו של חולה מפני ששכינה למעלה מראשו אלא ישב לפניו באימה וביראה:
צ) כשהולך אל החולה יתעטף בכסותו כמו שהולך לבית הכנסת מפני כבוד השכינה:
צא) בימי הספירה יתחבר עצמו אל החברה המתפלל ערבית בזמנה כדי לספור העומר בציבור:
צב) יזהר שלא יהיה מכין מיו״ט לשבת או משבת ליו״ט או מיו״ט ליו״ט אפילו הכנה קלת ומועטת:
צג) ירגיל עצמו להדר אחר שושבינות אפילו גדול לקטן:
צד) כשיודע שיש תחת ידו איזה חידושים מאיזה גדול צריך להוציאם לאור:
צה) אם יבוא לאדם ח״ו איזה צער ויגון יזכור ויתנחם כמה צער היה לאבות הראשונים קדושי עליון:
צו) יזכור בכל יום הששה זכירות:

## דעם דינסטאג׳דיגען טאג

פג) ילביש. עס איז א גרויסע מצוה אז מען זאל בעקליידען נאקעטע מענטשען:
פד) כל. אז א מענטש טהוט א גמילות חסד זאל ער נישט אין זינען האבען צו בעקומען לוין דערפאר, נאר ער זאל דאס טהון צוליעב גאט׳ס געבאט, צו פירען זיך אין גאט׳ס וועגען, וואס ער איז א גומל חסד מיט אלע זיינע בעשעפעניששען:
פה) יהיה. א מענטש דארף זיין געוואוינט צו בעזוכען קראנקע מענטשען:
פו) לעולם. שטענדיג זאל א מענטש טהון נאך מעהר וויפיעל עס פאדערט זיך לויט דעם דין:
פז) ישתדל. א מענטש זאל מיט אלע מעגליכקייטען לויפען און זיך בעשעפטיגען ביי א קראנקען מענטש, ברענגען איהם א רעצעפט מיט זיין בעדערפעניש:
פח) ישפוך. מען דארף בעטען דעם אייבערשטען אז ער זאל היילען דעם קראנקען מענטש:
פט) לא. מען טאר נישט זיצען ביי א קראנקען מענטש צו קאפינס, ווייל די שכינה רוהט העכער פון זיין קאפ, נאר מען דארף זיצען לעבען איהם, מיט פארכט און מיט שרעק פאר די שכינה:
צ) כשהולך. אז מען גייט צו א קראנקען מענטש זאל מען זיך איינהילען אין קלייד אזוי ווי מען גייט אין שוהל, צוליעב דעם כבוד פון דער שכינה, וואס זי איז ביי׳ם קראנקען מענטש:
צא) בימי. אין די ספירה-טעג דארף מען זיך בעהעפטען צו דער חברה וואס דאווענט מעריב אין דער בעשטימטער צייט, אום צו ציילען ספירה מיט א מנין:
צב) יזהר. מען דארף זיין געווארענט נישט אן צו גרייטען פון יום טוב אויף שבת, אדער פון שבת אויף יום טוב, אדער פון יום טוב אויף יום טוב, אפילו א קליינע אנגרייטונג טאר מען אויך נישט:
צג) ירגיל. א מענטש דארף זיך איין געוואוינען אין די מצוה פון אונטער פירען אפילו א גרויסער צו א קליינעם:
צד) כשיודע. אז א מענטש האט חידושים פון א גרויסען מאן דארף ער זיי אפדרוקען:
צה) אם. אויב עס קומט חס ושלום אויף א מענטש צער און יסורים זאל ער געדענקען און זיך טרייסטען וויפיעל שמערצען האבען אונזערע היילינע עלטערען געהאט:
צו) יזכור. אלע טאג דארף מען דערמאנען זעקס זאכען וואס די תורה האט אן געזאגט צו געדענקען, א) דעם טאג וואס מען איז ארויס געגאנגען פון מצרים. ב) דעם טאג וואס מען איז געשטאנען

ספר חסידים החדש

# ליום רביעי

א) ילמוד מחכמתו לאחרים לכל אחד כפי השגתו:
ב) ינהג לכל אדם בדרך טוב וישר:
ג) יתפלל בצרת המצירים וירחם עליהם כאלו הוא אביהם:
ד) יסבול משא כל אחד מישראל לדמות לקונו הסובל הכל ומרחם על כל:
ה) לא ישב במושב לצים:
ו) לא יסור מחשבתו מלהרהר בדברי תורה או בדרך טוב או שום מחשבה טובה:
ז) יזהר מדברים המשכחים הלימוד כמבואר במס' הוריות בפ' כהן משוח [דף י"ג ע"ב]:
ח) לא יאכל אפי' לב העוף:
ט) ירגיל עצמו לאכול מדברים הממשיכים הלימוד כמבואר במס' הוריות בפ' כהן משוח [דף י"ג ע"ב]:

כשדורש

## דעם דינסטאג'דיגען טאג

געשטאנען אויפ'ן בארג סיני. ג) דאס וואס עמלק האט אונז שלעכטס געטהון אין וועג אז מיר זענען ארויס פון מצרים. ד) דאס וואס גאט האט געטהון מרים'ן אין וועג אז מען איז ארויס פון מצרים. ה) געדענקען צו הייליגען דעם טאג שבת, ו) געדענקען אז מען האט גאט דערצערענט אין דער מדבר, און געמאכט דעם עגל:

## דעם מיטוואך'דיגען טאג

א) ילמוד. א מענטש דארף לערנען אנדערע מענטשען, לויט יעגעם'ס פערשטאנד:
ב) ינהג. יעדען מענטש דארף מען פיהרען אין רעכטען וועג:
ג) יתפלל. מען דארף בעטען אז עס זאל זיין גוט אפילו די מענטשען וואס טוהען איהם שלעכטס און מען דארף זיך נאך אויף זיי דערבארעמען, פונקט אזוי ווי ער זאל זיין זייער פאטער:
ד) יסבול. א מענטש דארף פערטראגען די לאסט פון יעדען יוד, דען מען דארף זיך גלייכען צום בעשעפער וואס ער פערנעהמט אלץ, און דערבארעמט זיך אויף יעדען מענטש:
ה) לא. מען טאר נישט זיצען וואו עס זיצען לצים:
ו) לא. מען טאר נישט אפקערען די געדאנקען פון צו קלערען תורה, אדער גוטע זאכען, אדער גוטע געדאנקען:
ז) יזהר. מען דארף זיין זעהר פארזיכטיג נישט צו טהון די זאכען וואס מאכען פערגעסען דאס לערנען אזוי ווי עס שטייט אין מסכת הוריות [דף י"ג ע"ב] דהיינו נישט צו עסען פון א זאך וואס א מויז האט דערפון געגעסען, און נישט צו עסען פון א זאך וואס א קאץ האט דערפון געגעסען, און נישט צו עסען א הארץ פון א בהמה, און נישט זיין געוואהנט צו עסען איילבירטען, און נישט צו טרינקען וואסער וואס איז איבער געבליבען פון נאכ'ן וואשען זיך, און נישט וואשען די פיס איינעם אויף דעם אנדערען, און נישט לייגען די קליידער צו קאפענס אז מען לייגט זיך שלאפען, אויך טאר מען נישט גיין דורך א צוים פון אן איזעל, און אבער שכן אז מען זאל נישט גיין אונטער'ן איזעל זעלבסט, אויך זאל מען נישט דורך גיין צווישען צוויי איזלען, אויך זאל מען נישט דורך גיין צווישען צוויי ווייבער, אויך זאל א אשה נישט דורך גיין צווישען צוויי מאנספערזאנען, אויך זאל מען נישט דורך גיין און שמעקען דעם ריח פון א נבלה, אויך זאל מען נישט גיין אויף א בריק וואס פון הינטען איז דורך איהר נישט דורך געגאנגען פערציג טעג קיין וואסער, אויך זאל מען נישט עסען קיין ברויט וואס איז נישט אין גאנצען אויס געבאקען, אויך זאל מען נישט עסען קיין פליש וואס מען האט אין געשויסט מיט'ן קאך-לעפעל, אויך זאל מען נישט טרינקען קיין וואסער פון א קוואל וואס גייט דורכ'ן בית הקברות, אויך זאל מען נישט קוקען אינ'ם פנים פון א געשטארבענעם, אויך זאל מען נישט לייענען דעם אויפשריפט וואס עס שטייט אויף א מצבה:
ח) לא. מען טאר נישט עסען קיין הארץ, אפילו פון א עוף:
ט) ירגיל. א מענטש דארף זיך איין געוואהנען אז ער זאל עסען די זאכען וואס מאכען געדענקען

דאס

## ספר חסידים החדש

י) כשדודש ברבים יהי' הדרוש על ג' חלקים, חלק א' יהי' פשטים טובים מאותה סדרה או מענין היום. חלק ב' יהי' מדינים השייכים באותו זמן או בשאר הדינים הנוהגים בכל יום, כגון דיני ציצית ותפילין וכדומה להם, וחלק ג' יהי' בדברי התוכחות ומוסר ויראת שמים:

יא) יהי' רגיל להוכיח חבירו בתוכחת מוסר:

יב) אסור לגנוב דעת הבריות:

יג) יהיה נזהר מאוד מלדבר שקר וכזב:

יד) לא יהיה מחשבתו להנות משום אדם, הן דבר קטן או גדול, אלא ישים בטחונו ברקב"ה:

טו) אל יספר בגנות חבירו:

טז) ביום כיפור יעמוד כל היום:

יז) לא יוציא דבר מפיו אא"כ יודע שרצון הבורא באותו דבר:

יח) אל ישיאך לבך להשתרר על שום אדם:

יט) אל יאמר לשום אדם יתן ה' את שאילתך דשמא מבקש עליו או על שום יהודי רעה, רק יאמר שאילתך לטובה:

כ) אשה המקשה לילד או חולה אל ידבר בעון שהיו עושים:

כא) אל ישים בטחונו בשום אדם:

כב) כשאשתו מעוברת והגיעה לחודש התשיעי יתפלל להקב"ה שלא תלד בשבת:

אל

## דעם מיטוואך'דיגען טאג

דאס לערנען אזוי ווי עס שטייט אין די גמרא הוריות [דף י"ג ע"ב], דהיינו מען זאל עסען ברויט וואס איז געבאקען אויף קוילען, און א כל שכן מען זאל עסען די קוילען זעלבסט, אויך זאל מען עסען א שיסער איי, וואס איז נאר א ביסעלע געקאכט, אן זאלץ, אויך זאל מען זיין געוואוינט צו עסען בוימאייל פון איילבירטען, אויך זאל מען זיין געוואוינט צו טרינקען ווייו און שמעקען בשמים, אויך זאל מען טרינקען דאס וואסער וואס עס איז איבערגעבליבען פון'ם קנעטען דאס טייג, אויך זאל מען איין טונקען דעם פינגער אין זאלץ און עסען דאס זאלץ:

י) כשדורש. אז א מענטש דרש'ענט פאר'ן עולם, זאל די דרשה ענטהאלטען דריי מהלך, איין מהלך זאל זיין גוטע פשטים אויף די סדרה פון דער וואך, אדער פונים ענין פון יענעם טאג, דער צווייטער מהלך זאל זיין דינים וואס געהערען צו יענער צייט, אדער דינים וואס ווערען געברויכט ביי דעם גאנצען לעבען, דהיינו דינים פון ציצית און תפילין און דערגלייכען, און דער דריטער מהלך זאל זיין שטראף רייד און מוסר און יראת שמים:

יא) יהיה. א מענטש זאל זיין געוואוינט צו שטראפען זיין פריינד מיט שטראף רייד:

יב) אסור. מען טאר נישט גנב'ענען די דעה פון זיין חבר:

יג) יהיה. מען דארף זיין זעהר געווארענט נישט צו ריידען קיין ליגען

יד) לא. א מענטש טאר נישט טראכטען צו געניסען פון א מענטש, ביי א קליינע זאך, און סיי א גרויסע זאך, נאר זיין גאנצע האפנונג זאל ער האבען אין אייבערשטען:

טו) אל. א מענטש טאר נישט דערצעהלען די שאנדע פון זיין פריינד:

טז) ביום. אום יום כפור דארף מען א גאנצען טאג שטעהן:

יז) לא. א מענטש דארף נישט ארויס ריידען קיין איינציגווארט, סיידען אז ער ווייס אז דעם אייבערשטענס ווילען איז צו דעם:

יח) אל. דאס הארץ דארף נישט גלוסטען צו הערשען אויף קיין מענטש:

יט) לא. א מענטש דארף נישט ווינטשען „גאט זאל ערפיהלען דיין פערלאנג" וייל מאמער בעט ער שלעכטס אויף איהם אדער אויף אנ'אנדערען יוד, נאר מען דארף זאגען „גאט זאל ערפיהלען דיין פערלאנג צום גוטען":

כ) אשה. אז א פרוי גייט שווער צום קינד, אדער אז א מענטש איז קראנק זאל מען נישט ריידען די זינד וואס זיי האבען געטהון:

כא) אל. א מענטש טאר זיך נישט פערזיכערען אויף קיין מענטש:

כב) כשאשתו. אז א פרוי איז שוואנגער און עס קומט דער נייגטער חודש דארף מען בעטען דעם אייבערשטען אז זי זאל נישט געווינען אום שבת:

אל

## ספר חסידים (החדש)

כג) אל יסתכל באשה אפילו היא מכוערת, ולא בבגדי צבע של אשה:

כד) התפלה תהיה בשמחת הלב:

כה) מאוד צריך להיות לו השגחה מעולה על בניו שלא יעברו רצון בוראם ח"ו:

כו) מאוד תהי' נזהר בכבוד זקנים וזקנות:

כז) אם אדם חשוב עומד אל ישב לפניו:

כח) אל ילך ת"ח הרבה פעמים לפני כ"א מפני טורח צבור.

כט) קודם שמתחיל להתפלל יאמר יהי רצון מלפניך שתהא עולה כוונת אמן שלי עם כוונת אמן באותן השרידים היודעים לכוון עניית אמן כראוי:

ל) קודם אלהי נצור יאמר שיר למעלות אשא עיני וגו' ויאמר בכוונה גדולה לשם שמים, ולא יצפה לשום טובה ח"ו רק ביראה גדולה:

לא) ילמוד בכל יום דבר מה בעוד שהתפילין עליו:

לב) יחלוץ תפילין ביד שמאל:

לג) כשאומר יהי כבוד ה' מלך וכו' יעמוד:

לד) יאמר שירת אז ישיר בכוונה ובשמחה גדולה:

לה) הט"ו שבחות שבישתבח המתחיל שיר ושבחה וכו' יאמר בנשימה אחת.

לו) אם מתפלל ביחידות יזהר לומר דברים שבקדושה שהוא במקום ברכו וקדושה ושאר דברים שהן בציבור:

לז) בבל יום יאמר ד' פרשיות שבתפילין בעוד התפילין עליו, ויאמר כסדר שהן כתובים בתורה,

והגה

## דעם מיטוואך'דיגען טאג

כג) אל. מען טאר נישט קוקען אויף קיין אשה, אפילו אז זי איז א מיאוסע, אויך טאר מען נישט קוקען אין די געפארבטע קליידער פון א אשה:

כד) התפלה. מען דארף דאווענען מיט א פרעהליך הארץ:

כה) מאד. מען דארף זעהר שטרענג אכטונג געבען אויף זיינע קינדער אז זיי זאלען נישט טהון עפעס נעגען דעם ווילען פון גאט ברוך הוא;

כו) מאד. מען דארף זיין זעהר געווארענט אפ צו געבען כבוד אלטע מענטשען, סיי מאנספערזאנען און סיי פרויען:

כז) אם. אויב עס שטייט א אנשטענדיגער מענטש דארף מען פאר איהם נישט זיצען:

כח) אל. א תלמיד חכם זאל נישט דורך גיין פיעל מאל דורך זיצענדיגע מענטשען, כדי ער זאל זיי נישט בעמיהען אויף צו שטיין פאר איהם:

כט) קודם. איידער מען הייבט אן צו דאווענען דארף מען זאגען „עס זאל זיין דער ווילען פון גאט אז די כוונה פון מיין ענטפערען אמן זאל אויף גיין אין הימעל מיט די כוונות פון אמן פון די גרויסע צדיקים וואס וויסען ריכטיג מכוון צו זיין אין זייער ענטפערען אמן":

ל) קודם. איידער מען זאגט אלקי נצור דארף מען זאגען דאס קאפיטל שיר למעלות אשא עיני וגו'. און ער זאל זאגען מיט גרויס כוונה צוליעב גאט'ס וועגען, און ער זאל נישט טוהן די מצות צו בעקומען דערפאר עפעס גוטס, נאר ער זאל דאס טוהן פון גאט'ס וועגען מיט גרויס יראה:

לא) ילמוד. אלע טאג דארף מען עפעס לערנען בשעת מען גייט אין די תפילין:

לב) יחלוץ. די תפילין דארף מען אויס טוהן מיט דער לינקער האנד:

לג) כשאומר. אין יהי כבוד אז מען זאגט ה' מלך וגו' דארף מען דאס זאגען שטייענדיגערהייט:

לד) יאמר. די שירה אז ישיר דארף מען זאגען מיט כוונה און מיט גרויס פרייד:

לה) הט"ו. די פופצעהן לויבונגען אין ישתבח וואס הייבט זיך אן שיר ושבחה וכו' זאל מען זאגען מיט איין אטעם:

לו) אם. אויב א מענטש דאווענט פאר זיך זאל ער געווארענט זיין צו זאגען דאס וואס מען זאגט אנשטאט ברכו און קדושה און די איבריגע זאכען וואס מען זאגט אנשטאט בשעת מען דאווענט מיט א מנין:

לז) בבל. אלע טאג דארף מען זאגען אין די תפילין די פיער פרשיות פון תפילין, און מען דארף זיי זאגען לויט דעם סדר ווי זיי שטעהן אין דער תורה, און ווייל די לעצטע צוויי

פרשיות

## ספר חסידים החדש

והנה ב׳ פרשיות אומר בק״ש לכן צריך לומר פ׳ קדש והיה כי יביאך קודם ברוך שאמר כדי לומר כסדר שכתוב בתורה:

לח) יאמר עשרת הדברות קודם ברוך שאמר כנגד יו״ד פעמים ברוך שבברוך שאמר:

לט) יאמר מזמור ה׳ מי יגור באהליך קודם ברוך שאמר שהוא מרומז נגד יו״ד דברות בזה הולך תמים נגד אנכי ה׳ אלהיך, כתיב הכא תמים וכתיב התם תמים תהיה עם ה׳ אלהיך. ופועל צדק נגד לא יהיה לך כי מי שכופר בע״א נקרא צדיק. ודובר אמת בלבבו נגד לא תשא. לא רגל על לשונו לא עשה לרעהו רעה נגד לא תענה. וחרפה לא נשא על קרובו נגד לא תגנוב שעושה חרפה לקרוביו. נבזה בעיניו נמאס נגד זכור את יום השבת. ואת יראי ה׳ יכבד נגד כבד את אביך ואת אמך. נשבע להרע ולא ימיר נגד לא תנאף, שאם יצרו גובר עליו ישבע כבועז שנשבע ליצרו, וכספו לא נתן בנשך נגד לא תרצח. ושוחד על נקי לא לקח נגד לא תחמוד:

יאמר

## דעם מיטיואך׳דיגען טאג

פרשיות זאגט מען אין קריאת שמע, דרום דארף מען צו זאגען די פרשה קדש לי כל בכור און די פרשה והיה כי יביאך פאר ברוך שאמר, כדי צו זאגען לויט דעם סדר ווי עס שטייט אין דער תורה:

לח) יאמר. פאר ברוך שאמר דארף מען צו זאגען די עשרת הדברות, אנטקעגען די צעהן מאל ברוך וואס מען זאגט אין ברוך שאמר:

לט) יאמר. פאר ברוך שאמר דארף מען זאגען דאס קאפיטל תהלים [ט״ו] מזמור לדוד, ה׳ מי יגור באהלך, מי ישכון בהר קדשך [א געזאנג צו דוד, גאט! ווער קאן וואהנען אין דיין געצעלט, און ווער קאן רוהען אויף דיין היילינגען בארג] וויל דער קאפיטל בעדייט נעגען די צעהן געבאט, וואס גאט האט אן געזאגט די יודען אויפ׳ן בארג סיני, די ווערטער „הולך תמים" [דער מענטש וואס גייט מיט גאנצקייט] זענען נעגען דעם ערשטען געבאט אנכי ה׳ אלקיך [נאר איך גאט בין דיין גאט], דען דא שטייט דאס ווארט „תמים" [מען זאל גיין מיט גאנצקייט] און ביים איבערשטען שטייט תמים תהי׳ עם ה׳ אלקיך [גאנצערהייט זאלסטו זיין מיט דיין גאט], די ווערטער „ופועל צדק" [או ער טהוט גערעכטיגקייט] זענען נעגען דעם צווייטען געבאט „לא יהי׳ לך אלקים אחרים" [זאלסט נישט האבען קיין אנדערען גאט אויסער מיר] דען דער מענטש וואס לייקענט אין עבו״ם ווערט אן גערופען א צדיק [ער טהוט גערעכטיגקייט], די ווערטער „ודובר אמת בלבבו" [און ער רעדט ריכטיגקייט אינ׳ם הארצען] זענען נעגען דעם דריטען געבאט „לא תשא את שם אלקיך לשוא" [מען זאל נישט שווערען פאלש], די ווערטער „לא רגל על לשונו, לא עשה לרעהו רעה" [אויף זיין צינג איז נישט געווען קיין רכילות, און ער האט נישט געטהון קיין שלעכטס זיין פריינד] זענען נעגען דעם נייטען געבאט „לא תענה" [זאלסט נישט עדות זאגען אויף דיין פריינד פאלשע עדות], די ווערטער „וחרפה לא נשא על קרובו" [ער האט נישט געטראגען (גערעדט) קיין שענדליכע רייד אויף זיין קרובן] זענען נעגען דעם אכטען געבאט „לא תגנוב" [זאלסט נישט גנב׳ענען] דען דורך דעם טהוט ער דאך אן א שאנדע זיין פאמיליע. די ווערטער „נבזה בעיניו נמאס" [ער איז פערשעמט און פער׳מיאוס׳ט אין זיינע אויגען זעלבסט פונ׳ם אנהייב בעשאפונג] זענען נעגען דעם פירטען געבאט „זכור את יום השבת לקדשו" [זאלסט געדענקען צו היילינגען דעם טאג שבת וואס אין דעם טאג האט גאט גערוהט פון צו בעשאפען די גאנצע וועלט]. די ווערטער „ואת יראי ה׳ יכבד" [און ער האלט עהרליך די גאט׳ס פארכטיגע מענטשען] זענען נעגען דעם פינפטען געבאט „כבד את אביך ואת אמך" [זאלסט עהרליך האלטען דיין פאטער און דיין מוטער], די ווערטער „נשבע להרע ולא ימיר" [אויב ער האט געשווארען צו טהון א זאך, איז חאטש די זאך איז פאר איהם שלעכט, פון דעסטוועגען וועט ער די שבועה נישט אומטוישען] זענען נעגען דעם זיבעטען געבאט „לא תנאף" [זאלסט נישט זיין קיין נואף] דען אויב עס שטארקט זיך אויף א מענטש דער יצר הרע זאל ער שווערען אז ער וועט איהם נישט פאלגען, אזוי ווי בועז האט געשווארען צום יצר הרע, אז ער וועט איהם נישט פאלגען. די ווערטער „כספו לא נתן בנשך" [זיין געלד האט ער נישט געגעבען אויף פראצענט] זענען נעגען דעם זעכסטען געבאט „לא תרצח" [זאלסט נישט זיין קיין מערדער] דען דורכ׳ן נעמען פראצענט ערמארדעט ער דעם מענטש. די ווערטער „ושוחד על נקי לא לקח [ער האט נישט גענומען קיין מתנה אום צו רייןן טאכען דעם בעשולדיגטען] זענען נעגען דעם צעהנטען געבאט „לא תחמוד" [זאלסט נישט

גלוסטען

## ספר חסידים החדש

ם) יאמר האדרת והאמונה קודם ברוך שאמר:

מא) מזמור לתודה יאמר בעמידה שהוא נגד קרבן תודה:

מב) כשאומר אמן יכוין בר"ת אל מלך נאמן:

מג) והוא רחום שאומרים בב' וה' ראוי לעמוד בקירוב רגלים זה אל זה שהוא נגד שמונה עשרה:

מד) אל ארך אפים שאומרים בב' וה' יאמר מעומד שהוא כמו וידוי:

מה) כשנותן צדקה בב' וה' קודם קריאת התורה לגבאים המחזירים, צריך ליתן ביד ימין ובעמידה, כי ראוי לעמוד מפני שלוחי מצוה, וגם צדקה צ"ל בעמידה:

מו) יעמוד בשעה שמלין התינוק ומפני הסנדק הנושאים לימול:

מז) אל יסתכל בפני אדם כשמדבר עמו וכ"ש בני אדם המגמגמין בלשונם:

מח) לא יגע בשום מלבוש או בגופו וכ"ש בראש קודם נטילה:

מט) בהתעטף טלית קטן יכוין שהוא מלבוש נשמה:

נ) יתפלל בכל יום בבוקר קודם ברכת השחר יה"ר מ"ה אלהי וא"א שיהי' לבי נכון ומסור בידי שלא אשכחך. כשלבש בשחרית טלית ותפילין בביתו יעמוד אצל המזוזה ויאמר הח' ההי"ן מן תמניא אפי ופסוק שמע ישראל:

בהליכתו

## דעם מיטוואך'דיגען טאג

גלויבען דיין פריינד'ס פערמעגען]. און דער מענטש וואס „עושה אלה" [ער וועט טוהן און היטען די אלע צעהן געבאט] „לא ימוט לעולם" וועט קיין מאל נישט ווערען איינגעבויגען, ער וועט אייביג זיין גליקליך:

ם) יאמר. פאר ברוך שאמר זאל מען זאגען האדרת והאמונה:

מא) מזמור. מען דארף זאגען מזמור לתודה שטייענדיגערהייט, ווייל דאס זאגט מען נעגען דעם קרבן תודה:

מב) כשאומר. אז מ'זאגט אמן דארף מען אין זינען האבען אז דאס ווארט אמן איז דער אנהייב פון די ווערטער „אל מלך נאמן":

מג) והוא רחום. אז מען זאגט מאנטאג און דאנערשטאג והוא רחום דארף מען צוצוריקען די פיס, איינער צום צווייטען, ווייל דאס איז נעגען שמונה עשרה:

מד) אל. אז מען זאגט מאנטאג און דאנערשטאג אל ארך אפים, דארף מען דאס זאגען שטייענדיגערהייט, ווייל דאס איז אזוי ווי ווידוי:

מה) כשנותן. מאנטאג און דאנערשטאג אז מען גיט צדקה צו די גבאים פאר'ן לייענען די תורה דארף מען געבען מיט דער רעכטער האנד און שטייענדיגערהייט, ווייל מען דארף אויפשטעהן פאר מענשען וואס בעשעפטיגען זיך מיט א מצוה־זאך, אויך צדקה דארף מען געבען שטייענדיגערהייט:

מו) יעמוד. בשעת מען איז מל א קינד דארפען דארט אלע מענטשען שטיין, אויך בשעת מען טראגט דאס קינד מל צו זיין דארף מען אויך שטיין:

מז) אל. מען דארף נישט קוקען אינ'ם פנים פון א מענטש בשעה'ן רעדען מיט איהם, א כל שכן ביי די וואס זיי שטאמלען ביי דעם רעדען:

מח) לא. פאר'ן וואשען זיך אין דער פריא נאך דעם שלאף טאר מען נישט אן רירען אן קיין מלבוש אדער אין קערפער, א כל שכן אין קאפ טאר מען געווים נישט:

מט) בהתעטף. אז מען טהוט אן דעם טלית קטן דארף מען אין זינען האבען אז דאס איז דאס קלייד פון דער נשמה:

נ) יתפלל. אלע טאג דארף מען בעטען אין דער פריא פאר ברכת השחר יהי רצון מלפניך ה' אלקי ואלקי אבותי שיהי' לבי נכון ומסור בידי שלא אשכחך. [עס זאל זיין דער ווילען פון גאט ברוך הוא, וואס ער איז מיין גאט, און דער גאט פון מיינע עלטערען, אז מיין הארץ זאל זיין פארברייטעט און איבערגעגעבען אין מיין האנד, איך זאל אין דיר נישט פארגעסען], אז מען טהוט אן אין דער פריא אין שטוב דעם טלית און תפילין דארף מען זיך שטעלען לעבען דער מזוזה, און מען דארף זאגען די אכט ההי"ן פון תמניא אפי [אין תהלים קאפיטל קי"ט] אויך דארף מען זאגען דעם פסוק שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד:

בהליכתו

## ספר חסידים החדש

נא) **בהליכתו** לבית הכנסת יאמר נדעה ונרדפה לדעת את ה׳ נכון בשחר מוצאו.

נב) **קודם** שיכנס לבית הכנסת יאמר בבית אלהים נהלך ברגש:

נג) **ראוי** ונכון להתענות בערב שבת ולשב בתשובה, ואם אי אפשר על כל פנים לא יקבע סעודה בערב שבת:

נד) **יהיה** לו בכל ג׳ סעודות של שבת יין ובשר ודגים:

נה) **יקרא** שיר השירים בהכנסת שבת בבגדי שבת:

נו) **לא** ישתין בשלג בשבת אם אפשר, כי הרא״ש הי׳ נזהר כמבו׳ בטור סי׳ ש״כ:

נז) **קודם** הכנסת שבת יקרא ד׳ פרקים משניות מס׳ שבת ולאחר קידוש יקרא ד׳ פרקים אחרים:

נח) **יקרא** בכל ליל שבת מסכת עירובין:

נט) **יהי׳** לו הדס מוכן להריח בו בשבת:

ס) **יניח** פירורי פת עם מעט יין על השלחן בליל שבת:

סא) **יחדש** איזה דבר תורה בשבת:

סב) **ידקדק** להבדיל על היין במוצאי שבת:

סג) **יזהר** בכבוד חול המועד כמו בשאר ימים טובים:

סד) **יהיה** נזהר בכבוד ראשי חדשים וידליק נרות ויחליף שמלותיו:

סה) **להיות** ניעור לילה ראשונה של פסח:

סו) **לא** ידבר כל ליל שבועות חוץ לשון הקודש:

ירגיל

## דעם מיטוואך׳דיגען טאג

נא) **בהליכתו**. אז מען גייט אין שוהל דארף מען זאגען דעם פסוק נדעה ונרדפה לדעת את ה׳ נכון בשחר מוצאו. (זאלען מיר וויסען, זאלען מיר נאך יאגען צו וויסען דעם אייבערשטען, וועלען מיר איהם געפינען אזוי ווי מיר געפינען אלע טאג דעם פארגענשטערן וואס ער איז אן געבריים):

נב) **קודם**. איידער מען קומט אין שוהל דארף מען זאגען בבית אלקים נהלך ברגש. (אין גאט׳ס שטוב טוהן מיר געהן מיט שטירם):

נג) **ראוי**. עס איז זעהר גלייך דאס פרייטאג זאל מען פאסטען און מען זאל תשובה טהון, און אויב עס איז אונמעגליך צו פאסטען, זאל מען ווייניגסטענס פרייטאג נישט עסען א גרויסע סעודה:

נד) **יהיה**. ביי אלע דריי שבת׳דיגע סעודות דארף מען טרינקען וויין און עסען פיש און פליייש:

נה) **יקרא**. פרייטאג פאר נאכט בשעת מען איז אן געטהון אין שבת׳דיגע קליידער דארף מען לייענען שיר השירים:

נו) **לא**. אום שבת זאל מען נישט משתין זיין אין שניא אויב עס איז מעגליך, ווארום דער רא״ש איז געווען נזהר אין דעם, אזוי ווי עס שטייט אין טור סי׳ ש״כ:

נז) **קודם**. פרייטאג פאר נאכט דארף מען לערנען די ערשטע פיער פרקים משניות פון מסכת שבת, און נאך קידוש דארף מען לערנען אנדערע פיער פרקים:

נח) **יקרא**. פרייטאג צו נאכט דארף מען לערנען מסכת עירובין:

נט) **יהיה**. מען דארף האבען אן געגרייט א הדס כדי צו שמעקען פון איהם אום שבת:

ס) **יניח**. פרייטאג פאר נאכט דארף מען איבער לאזען אויפן טיש ברעקליך ברויט און אביסעל וויין:

סא) **יחדש**. אום שבת דארף מען עפעס מחדש זיין אין דער תורה:

סב) **ידקדק**. מען דארף צו זעהן מיט אלע מעגליכקייטען צו מאכען הבדלה שבת צו נאכט איף וויין:

סג) **יזהר**. מען דארף זיין געווארענט אין דעם כבוד פון חול המועד פונקט אזוי ווי דעם כבוד פון יום טוב:

סד) **יהיה**. מען דארף זיין געווארענט אינ׳ם כבוד פון ראש חודש, און מען זאל אן צינדען ליכט, און אן טהון אנדערע קליידער:

סה) **להיות**. די גאנצע ערשטע נאכט פסח דארף מען זיין וואכעדיג:

נו) **לא**. די נאכט פון שבועות זאל מען נישט רעדען נאר לשון קודש:

ירגיל

## ספר חסידים החדש

סז) ירגיל עצמו במידה סבלנות:
סח) יכין בעצמו נרות לשבת:
סט) אסור להסתכל בכל דבר המביא לידי שמחה בפני חרבן בית המקדש:
ע) לא ישתוק בשמעו זילותא של תלמידי חכמים:
עא) לא יריח בריח מאכלות אסורות:
עב) לא ידבר בפני מי שגדול ממנו:
עג) לא יהיה נבהל להשיב הן בתורה הן במילי דעלמא:
עד) לא יעמוד במקום מינופות:
עה) לא יזכור שם החיצונים כגון שטן או שאר שמות הטומאה:
עו) לא יזרוק שום דבר מידו בחמתו:
עז) לא יפחד להתינוק לאמר כלב קחהו או חתול קחהו:
עח) לא יקלל אשתו וה"ה לכל אדם:
עט) ירחיק עצמו משקר וידבק באמת:
פ) לא ישבע בחי נפשו:
פא) לא יקשט במלבושים נאים, חוץ משבת ויום טוב, וירחיק עצמו מכל התענוגים בחול:
פב) יקנוס עצמו בשום דבר אם יעבור על שום מנהג וכל שכן על מצוה:
פג) לא ישיח שום שיחת חולין בשעת חזרת הש"ץ, כי גדול עונו מנשוא, וכן בשעת קריאת התורה, אם בא לו מחשבת חוץ בעת התפלה ישתוק עד שיסתלק מחשבתו ממנו:

מצוה

### דעם מיטוואך'דיגען טאג

סז) ירגיל. א מענטש דארף זיך איין געוואהנען אין דער מדה פון סבלנות נפארנעהמען אלץ פון יעדען מענטש:
סח) יכין. מען דארף אליין אן גרייטען ליכט אויף שבת:
סט) אסור. מען טאר נישט קוקען אין קיין זאך וואס ברענגט צו פרעהליכקייט, צוליעב דעם וואס עס איז חרב געווארען דער בית המקדש:
ע) לא. מען טאר נישט שווייגען בשעת מען הערט שאנד רייד אויף א תלמיד חכם:
עא) לא. מען טאר נישט שמעקען דעם ריח פון טרפה-עסענווארג:
עב) לא. מען טאר נישט רעדען פריהער פאר א מענטש וואס איז גרעסער פאר איהם:
עג) לא. א מענטש דארף זיך נישט צו איילען צו ענטפערען, סיי אין לערנען און סיי אין וועלטליכע זאכען, נאר מען דארף ענטפערען נאך א גרויסען ישוב הדעת:
עד) לא. א מענטש זאל נישט שטיין אין א אומרייניגעם ארט:
עה) לא. מען טאר נישט דערמאנען די נעמען פון די חיצונים, דהיינו שטן, אדער אנדערע שמות הטומאה:
עו) לא. מען טאר נישט אוועק ווארפען פון האנד קיין שום זאך מיט כעס:
עז) לא. מען טאר נישט שרעקען א קינד און איהם זאגען א הונד וועט איהם חאפען, אדער א קאץ וועט איהם חאפען:
עח) לא. מען טאר נישט שעלטען זיין ווייב, אזוי אויך טאר מען נישט שעלטען קיין פרעמדען מענטש:
עט) ירחיק. א מענטש דארף זיך דערווייטערען פון ליגען און בעהעפטען צום אמת:
פ) לא. א מענטש טאר נישט שווערען ביי זיין לעבען.
פא) לא. א מענטש טאר זיך נישט אויספוצען מיט שיינע קליידער, אויסער שבת און יום טוב, און אום דער וואכען זאל ער זיך דערווייטערען פון אלע פערגעניגענס.
פב) יקנוס. א מענטש דארף זיך קנס'ענען מיט עפעס אויב ער וועט עובר זיין אויף עפעס א מנהג און א כל שכן אויב ער וועט עובר זיין אויף א מצוה:
פג) לא. בשעת דער חזן זאגט שמונה עשרה טאר מען נישט רעדען קיין רייד, ווייל עס איז א גרויסע עבירה. אויך בשעה'ן לייענען טאר מען נישט רעדען, אויב עס איז א מענטש ארײן געפאלען בשעת'ן דאווענען עפעס א פרעמדער געדאנק, זאל ער שווייגען, ביז עס וועט פון איהם ארויס דער געדאנק.

ספר חסידים החדש

פד) מצוה גדולה שיוליך כל אחד את בניו הקטנים עמו בבית הכנסת, וישגיח עליהם שיעני אמן על כל ברכה:

פה) יזהר מאוד שלא לעשות שום נדנוד עבירה בשביל חמוד ממון:

פו) על כל דבר יאמר אם ירצה השם:

# ליום החמישי

א) אל יטיל אימה יתירה על הציבור שלא לשם שמים:

ב) יחבר עצמו לחברת מצוה:

ג) יהיה לו קולמוס מיוחד לכתוב בו דברי תורה:

ד) יהיה זהיר מאוד בכבוד אשתו:

ה) לא ישנה בדיבורו:

ו) לא יאכל אצל אחרים אלא יאכל בביתו ואפילו סעודת מצוה שאינו הכרח ימנע עצמו:

ז) לא יסתכל בצילובין ובנהרגין שסושר עליו רוח טומאה:

ח) לא יגדל תורים ובני יונה בתוך ביתו:

ט) להלוות לעני בשעת דוחקו:

י) יזהר מאוד בפרעון שכר שכיר, אפילו אין לו לשלם ילוה לעצמו, ולא יעכב:

ירחיק

## דעם מיטוואך'דיגען טאג

פד) מצוה. עס איז א גרויסע מצוה אז יעדער מענטש זאל מיט ברענגען אין שוהל זיינע קליינע קינדער, און זאל אויף זיי אכטונג געבען אז זיי זאלען ענטפערן אמן אויף יעדע ברכה:

פה) יזהר. א מענטש דארף זיין זעהר געווארענט נישט צו טהון, אפילו קיין צווייפעל פון א עבירה, צוליעב גלוסטונג פון געלד:

פו) על. אויף יעדע זאך וואס א מענטש טראכט צו טהון דארף מען זאגען אם ירצה ה' [אויב גאט וועט וועלען]:

## דעם דאנערשטאג'דיגען טאג

א) אל. מען טאר נישט ארויף ווארפען אויפ'ן פובליקום א גרויסע מורא, אז נישט צוליעב גאט'ס וועגען:

ב) יחבר. א מענטש דארף זיך בעהעפטען צו א חברה פון א מצוה-זאך.

ג) יהיה. א מענטש דארף האבען א ספעציעלע פעדער צו שרייבען מיט איהר תורה-זאכען:

ד) יהיה. א מענטש דארף זיין זעהר געווארענט אינ'ם כבוד פון זיין ווייב:

ה) לא. א מענטש זאל נישט ענדערען זיינע רייד:

ו) לא. א מענטש זאל נישט עסען ביי א פרעמדען מענטשען, נאר ער זאל עסען ביי זיך אין שטוב, און חאטש עס איז א סעודת מצוה פון רעסטווענען ווען עס איז נישט זעהר נויטיג זאל ער אויך אויסמיידען נישט צו עסען:

ז) לא. א מענטש זאל נישט קוקען אויף געהאנגענע מענטשען אדער אויף גע'הרג'עטע מענטשען, דעריבער ווייל דערמיט ציהט ער ארויף אויף זיך דעם רוח טומאה:

ח) לא. א מענטש זאל נישט האדעווען ביי זיך אין שטוב טויבען,

ט) להלוות. עס איז א גרויסע מצוה דאס מען זאל בארגען א ארימאן בשעת זיין ענגשאפט:

י) יזהר. א מענטש דארף זיי זעהר געווארענט פונקטליך צו צאהלען א טעגליכען ארבייטער, און אויב ער האט נישט צו בעצאהלען, זאל ער זיך בארגען, אום נישט אויף האלטען זיין לוין:

ירחיק

## ספר חסידים החדש

יא) ירחיק עצמו מכל צחוק שבעולם הן מקדש״ן או משאר צחוק:
יב) לא יביא עצמו לידי חשד והרחק מן הכיעור ומן הדומה לו:
יג) לא יסתכל בצלם אדם רשע שמשבח הלמידו:
יד) לא יגלה סוד חבירו:
טו) לא יספר בגנותו של חבירו אפילו אמת:
טז) לא יוציא דבר מגונה מפיו אפילו שם הצואה:
יז) לא יכבד לשום רשע ולא יתן לו שלום ולא יחניף אותו:
יח) לא יקרא חבירו בכינוי השם:
יט) יקדים שלום לעני:
כ) אם ידע בשורה טובה לחבירו יודיעו במהרה מה דאפשר:
כא) לא ימלא פיו שחוק מיום שחרב בית המקדש:
כב) יזהר בקימות חצות, וילמוד עד אור הבוקר, ואם הוא אדם חלש אזי ילמוד ב׳ או ג׳ שעות אחר חצות, ואחר כך יישן, ובתנאי שיקום כגא חצי שעה קודם עמוד השחר:
כג) באשמורת הבוקר ילמוד שיעור משניות:
כד) ילמוד מעומד:
כה) באשמורת הבוקר ילמוד ספר הזוהר:
כו) אף מי שלא יבין הזוהר ילמוד בכל יום דבר שה כי הלשון הוא מסוגל לנשמה:

אם

## דעם דאנערשטאנ׳דיגען טאג

יא) ירחיק. א מענטש דארף זיך דערווייטערען פון אלע שפילונגען, סיי פון קארטען אדער פון אנדערע שפילונגען:
יב) לא. א מענטש זאל זיך נישט ברענגען צו א חשד, און א מענטש דארף זיך דערווייטערען פון מיאוס׳ע זאכען און אפילו פון ענליך צו מיאוס׳ע זאכען:
יג) לא. מען טאר נישט קוקען אין געזיכט פון א זינדיגען מענטש, דען דורכדעם פערגעסט מען דאס לערנען:
יד) לא. מען טאר נישט אויס זאגען דעם פריינד׳ס א געהיימנים:
טו) לא. מען טאר נישט דערצעהלען דעם פריינד׳ס שאנד, חאטש עס איז אמת:
טז) לא. מען טאר נישט ארויס לאזען פונ׳ם מויל מיאוס׳ע רייד, אפי׳ דעםווארט צואה אויף זשארגאן:
יז) לא. מען טאר נישט מכבד זיין קיין רשע, און מען טאר איהם נישט געבען קיין שלום, און מען טאר איהם נישט חנפ׳ענען:
יח) לא. מען טאר נישט רופען דעם חבר מיט א ביינאמען:
יט) יקדים. א ארימאן דארף מען פריהער זאגען גוט מארגען:
כ) אם. אויב א מענטש ווייס אן צו זאגען זיין פריינד א גוטע בשורה, זאל ער איהם דאס אן זאגען וואס פריהער, צום שנעלסטען:
כא) לא. היינטיגע צייט, אז דער בית המקדש איז חרב געווארען, טאר מען נישט פיעל לאכען:
כב) יזהר. א מענטש דארף זיין געווארענט אויף צו שטיין האלבע נאכט, און זאל לערנען ביז עס ווערט טאג, און אויב ער איז א שוואכער מענטש זאל ער לערנען צוויי אדער דריי שעה נאך האלבע נאכט, און דער נאך זאל ער שלאפען, און ער זאל אויף שטיין א האלבע שעה איידער עס גייט אויף דער עמוד השחר:
כג) באשמורת. פאר טאג דארף מען לערנען א שיעור משניות:
כד) ילמוד. מען דארף לערנען שטייענדיגערהייט:
כה) באשמורת. פאר טאג זאל מען לערנען דעם ספר הזוהר:
כו) אף. א מענטש זאל אלע טאג לערנען זהר ד פארשטייט דארט נישט, דען נאר די שפראך זעלבסט פונ׳ם זהר איז זעהר מסוגל צו דער נשמה:

## ספר חסידים החדש

כז) אם אינו מבין דבר מה בהוך לימודו יבכה עליו ויתן דבר מה לצדקה ויאמר אהבה רבה בכוונה כמבואר בשל"ה:

כח) יגביה קולו בשלומד שעי"ז מתקיים לימודו:

כט) כשהוא סמוך לאור היום יזמר איזה שירה או איזה זמר לכבוד צורו וקונו ואם אין לו קול ערב יאמר איזה מזמורים תהלים בקול רם ובכוונה שלימה:

ל) לא ישהה צרכיו:

לא) לא ידבר בבית הכנסת שום שיחה בטילה שהוא עון פלילי:

לב) לא ידבק בו שום צואה, ונכון לרחוץ במים:

לג) ירגיל עצמו בחשבונות בבית הכסא כדי שלא יהרהר בדברי תורה:

לד) ירגיל עצמו שלא יושיט יד לאמה שלא יבא ח"ו לידי עבירה:

לה) לא יזרוק ברכה מפיו בלא כוונה ולא יאמר במהירות שום ברכה:

לו) ישהה שעה א' קודם תפלתו שישים אל לבו לפני מי הוא עומד:

לז) לא ירק בבהכ"נ ועל צד ההכרח יבליענו בכסותו:

לח) לא יגע בצואת האוזן או בצואת חוטמו בעת תורה ותפלה:

לט) לא יהיה לו שום עצבות בעת התפלה ובעת לימודו:

מ) התפלה בדמעות מרוצה מאוד בוודאי אין תפלתו חוזרת ריקם:

מא) יקרא כל פסוק בטעמים:

יסתכל

## דעם דאנערשטאגדיגען טאג

כז) אם. אויב א מענטש פארשטייט עפעס נישט בשעת'ן לערנען זאל ער וויינען, און זאל עפעס געבען אויף צדקה, און זאל זאגען אהבה רבה מיט כוונה, אזוי ווי עס שטייט אין ספר של"ה הקדוש:

כח) יגביה. אז מען לערענט דארף מען לערנען הויך, דען דורכדעם וועט ער געדענקען דאס לערנען:

כט) בשהוא. פאר טאג דארף מען עפעס זינגען לכבוד דעם אייבערשטען, און אויב א מענטש האט נישט א זיסען קול זאל ער זאגען עטליכע קאפיטלעך תהלים מיט א הויכע שטימע און מיט גרויס כוונה:

ל) לא. א מענטש טאר זיך נישט איינהאלטען זיינע מענטשליכע בעדערפעניש:

לא) לא. אין שוהל טאר מען נישט רעדען קיין איבעריג ווארט, דען דאס איז א גרויסע זינד:

לב) לא. א מענטש דארף אכטונג געבען אז עס זאל זיך איהם נישט צו קלעבען קיין אומריינקייט, און עס איז זייער גליך דאס ער זאל זיך ארום וואשען מיט וואסער:

לג) ירגיל. א מענטש דארף זיך איין געוואהנען אז אין בית הכסא זאל ער רעכענען רעכענונגען כדי ער זאל ח"ו נישט קלערען אין תורה:

לד) ירגיל. א מענטש דארף זיך איין געוואהנען אז ער זאל נישט אויסשטרעקען די האנד צו דער מילה, אום ער זאל נישט קומען ח"ו צו קיין עבירה:

לה) לא. א מענטש זאל נישט ארויס זאגען קיין ברכה אהן כוונה, אויך זאל ער קיין ברכה נישט זאגען גיך:

לו) ישהה. פאר'ן דאווגען זאל א מענטש בעקלערען א קורצע צייט פאר וועמען ער שטעלט זיך דאווגען:

לז) לא. אין שוהל טאר מען נישט שפייען, און אויב א מענטש מוז שפייען, זאל ער דאס בעהאלטען אין א טיכעל:

לח) לא. בשעת'ן לערנען אדער בשעת'ן דאווגען זאל מען נישט אן ריהרען אין די צואה פונ'ם אויער אדער אין די צואה פונ'ם נאז:

לט) לא. בשעת'ן דאוגען אדער בשעת'ן לערנען זאל מען נישט האבען קיין טרויעריגע געדאנקען:

מ) התפלה. אז מען דאווענט מיט טרעהרען איז דאס זייער אנגענעהם פאר'ן אייבערשטען, און דאס געבעט וועט געוויס ווערען אן גענומען:

מא) יקרא. יעדען פסוק דארף מען לייענען מיט'ן טראפ:

## ספר חסידים החדש

מב) יסתכל בכל שעה בציצית ימה טוב שינשקם תמיד :
מג) יהדק תפילין של יד ברצועה סביב שלא יזוז ממקומו :
מד) יבדוק מנעליו מטינוף כשהולך לבית הכנסת :
מה) עיקר כוונת אדם בתפלתו יהי' בשחרית כי אז הוא עת רצון :
מו) יזהר מאוד להשכים ולהעריב בבית הכנסת :
מז) יתפלל כסדר ולא ידלג כדלקמן ביום ו' אות ג' :
מח) כשיצא מפתח ביתו ינשק המזוזה תמיד :
מט) קודם שיאמר ק"ש יכוין לקיים מצות עשה של קריאת שמע :
נ) יסגור עיניו בידו יכסה בשעת פסוק ראשון של קריאת שמע :
נא) כשאומר בשמונה עשרה כי לישועתך קוינו כל היום יכוין לקיים מה ששואלין לעתיד צפית לישועה :
נב) צריך שיפסע ג' פסיעות לאחוריו אחר שמונה עשרה :
נג) צריך לומר נקדישך ונעריצך עם הש"ץ :
נד) יעמוד בשעת קריאת התורה וישב בין גברא לגברא שיהיה ניכר שעומד לכבוד ספר תורה :
נה) בכל יום יאמר מזמור של לוים, וצריך לומר היום יום ראשון בשבת וכו', ובזה מקיים זכור את יום השבת, שצריך לזכור בכל יום השבת :

יוהג

### דעם דאנערשטאג'דיגען טאג

מב) יסתכל. אלע מאל דארף מען געבען א קוק אויף די ציצית, און עס איז זייער גלייך דאס מען זאל זיי שטענדיג קישען :
מג) יהדק. די תפילין של יד דארף מען גוט צו ציהען די רצועה, כדי די תפילין זאלען זיך נישט אפריקען פונ'ם ארט :
מד) יבדוק. אז מען גייט דאווענען דארף מען אכטונג געבען אז די שיך זאלען זיין ריין :
מה) עיקר. דערהויפט דארף א מענטש בעסטען זיין געבעט ביי דעם פריהענדיגען דאווענען, וויל דעמאלט איז זעהר א עת רצון :
מו) יזהר. א מענטש דארף זיך פילעווען צו דאווענען אין שוהל אין דער פריא און ביי נאכט :
מז) יתפלל. מען דארף דאווענען כסדר און גאר נישט איבערהיפען, אזוי ווי עס שטייט אין דעם פרייטאג'דיגען טאג אות ג' :
מח) כשיצא. שטענדיג אז א מענטש גייט ארויס פון שטוב, זאל ער קושען דער מזוזה :
מט) קודם. איידער מען זאגט קריאת שמע דארף מען אין זינען האבען אז ער גייט מקיים זיין די מצוה פון לייענען קריאת שמע :
נ) יסגור. בשעה מען לייענט דעם ערשטען פסוק פון קריאת שמע דארף מען צו מאכען די אויגען מיט דער רעכטער האנד :
נא) כשאומר. אין שמונה עשרה אז מען זאגט „כי לישועתך קוינו כל היום" זאל מען אין זינען האבען אז מען איז דערמיט מקיים צו האפען צו די ישועה, אזוי ווי עס שטייט אין מסכת שבת [דף ל"א ע"א] דאס אז מען ברענגט א מענטשען אויף יענער וועלט צום דין פרעגט מען איהם צו ער האט געהאפט אויף דער ישועה :
נב) צריך. נאך שמונה עשרה דארף מען צוריק גיין דריי טריט :
נג) צריך. מען דארף זאגען נקדישך ונעריצך מיט'ן חזן :
נד) יעמוד. בשעה מען לייענט דארף מען שטיין און צווישען איין מענטש און דעם צווייטען דארף מען זיצען, כדי עס זאל זיין קענטיג דאס ער שטייט לכבוד דעם ספר תורה :
נה) בכל. אלע טאג דארף מען זאגען דעם מזמור וואס די לוים האבען געזאגט אין דיעזען טאג. און מען דארף זאגען היום יום ראשון בשבת. [היינט איז דער ערשטער טאג אין שבת] און דערמיט איז ער מקיים די מצוה פון זכור את יום השבת לקדשו [זאלסט געדענקען א גאנצע וואך צו היליגען דעם טאג פון שבת] וויל יעדען טאג דארף מען געדענקען די מצוה פון שבת :

## ספר חסידים החדש

נו) ינהג כבוד בכתב מרובע אפי' לא נכתב בקדושה :
נז) בכל יום יקרא פרשת היראה בכוונה רצויה :
נח) בכל ער״ח ילמוד מסכת אבות וקודם הלימוד יתוודה :
נט) יחשוב בעת הלימוד שאינו עומד בעולם הזה רק לפני השכינה :
ס) כל מה שלומד בל' יום יחזור ביום ל' :
סא) ינשק הספר בפתיחה וחתימה :
סב) יזהר לומר בכל יום תפילת ר' נחוניה בן הקנה בכניסתו לבית המדרש וביציאתו [כמבו' בטור סס״י ק״י] והוא מש״ס ברכות כ״ח :
סג) יפלפל בעסק הלכה עד שיזיע שעי״ז משבר הקליפות :
סד) יקרא פרשת השבוע עם פירש״י ופי' רמב״ן :

יקרא

### דעם דאנערשטאג'דיגען טאג

נו) ינהג. א מענטש דארף אפ געבען כבוד א זאך וואס איז געשריבען מיט מרובע'דיגע אותיות. חאטש עס איז נישט געשריבען מיט הייליגקייט :

נז) בכל. אלע טאג דארף מען ליינען מיט פולע כוונה די פרשת היראה :

נח) בכל. אלע ערב ראש חודש דארף מען לערנען מסכת אבות, און פאר'ן לערנען דארף מען זיך מתודה זיין :

נט) יחשוב. בשעת מען לערנט דארף מען טראכטען אז זייענדיג אויף דער וועלט שטייט ער נאר פאר דער שכינה :

ס) כל. אלץ וואס מען לערנט אין דרייסיג טאג דארף מען איבער חזר'ן אין דרייסיג'סטען טאג :

סא) ינשק. אז מען עפענט א ספר אדער מען פערמאכט איהם. דארף מען איהם א קוש געבען :

סב) יזהר. אלע טאג אז מען קומט לערנען אין בית המדרש, אדער מען גייט פון דארטען אוועק זאל מען בעטען דאס געבעט וואס רבי נחוניא בן הקנה האט געבעטען [אזוי ווי עס שטייט אין מסכת ברכות דף כ״ח עמוד ב'] אריין קומענדיג אין בית מדרש זאל מען זאגען „יהי רצון מלפניך ה' אלקי שלא יארע דבר תקלה על ידי, ולא אכשל בדבר הלכה, וישמחו בי חברי, ולא אומר על טמא טהור, ולא על טהור טמא, ולא יכשלו חברי בדבר הלכה ואשמח בהם״ [עס זאל זיין דער ווילען פון דיר גאט, מיין גאט, אז עס זאל זיך נישט טרעפען קיין שטרויכלונג דורך מיר, און איך זאל נישט ווערען געשטרויכעלט אין א דין ווערען זיך דורכדעם פרעהען מיינע פריינד, וועל איך דאך דערפאר אויך ווערען געשטראפט, און איך זאל נישט זאגען אויף א זאך וואס עס איז טמא דאס עס איז טהור, און איך זאל נישט זאגען אויף א זאך וואס עס איז טהור דאס עס איז טמא, אויך זאלען נישט געשטרויכעלט ווערען מיינע פריינד אין א דין וועל איך זיך דורכדעם פרעהען, וועלען זיי דאך דערפאר אויך ווערען געשטראפט]. און ארויסגעהענדיג פון בית המדרש זאל מען זאגען „מודה אני לפניך ה' אלקי ששמת חלקי מיושבי בית המדרש ולא שמת חלקי מיושבי קרנות, שאני משכים, והם משכימים, אני משכים לדברי תורה, והם משכימים לדברים בטלים, אני עמל, והם עמלים, אני עמל, ומקבל שכר, והם עמלים ואינם מקבלים שכר, אני רץ, והם רצים, אני רץ לחיי העולם הבא והם רצים לבאר שחת״ [איך דאנק דיר גאט, מיין גאט, וואס דו האסט מיר געמאכט אנטהייל צו נעמען מיט די מענטשען וואס זיצען אין שיהל, און דו האסט מיר נישט געמאכט אנטהייל צו נעמען מיט די מענטשען וואס זענען ווינקעל זיצער'ס און ליידיג געהער'ס, דען איך שטעה אויף אין דער פריא, און זיי שטעהען אויף אין דער פריא, איך שטעה אויף צו לערנען תורה, און זיי שטעהען אויף צו רעדען פוסטע רייד. איך מאטער זיך און זיי מאטערען זיך, איך מאטער זיך, און וועל דערפאר בעקומען לוין, און זיי מאטערען זיך און וועלען דערפאר קיין לוין נישט בעקומען, איך לויף און זיי לויפען, איך לויף צו בעקומען די צוקינפטיגע וועלט און זיי לויפען אין גיהנם אריין], אזוי ווי עס שטייט אין טור סוף סימן ק״י :

סג) יפלפל. א מענטש זאל זיך מפלפל זיין אין לערנען, ביז ער וועט שוויצען, דען דורכדעם וועט ער צו ברעכען די קליפות :

סד) יקרא. אלע וואך דארף מען לייענען די סדרה פון דער וואך מיט'ן פירוש פון רש״י און מיט'ן פירוש פון רמב״ן :

## ספר חסידים החדש

סה) יקרא בכל יום חלק קצת מספר חובת הלבבות או מספר ראשית חכמה:
סו) לא יפסיק באמצע לימודו בדברים בטלים:
סז) להיות ניעור כל ליל ששה ויום שלפניו:
סח) עיקר לימוד שיעיין בדברי ראשונים:
סט) יקרא תמיד בקיבוץ א׳ ולא היום בזה הספר ולמחר בזולתו:
ע) לא יהיה נמהר בעסק הלימוד:
עא) יקבע זמנים לתורה:
עב) יעיין בספרים שהם יופי הכתיבה ויופי כריכה:
עג) קודם שיאכל ילמוד דבר מה בקביעות:
עד) ימעט באכילת לילה כדי שיקום בחצות:
עה) יתפלל על מזונו קודם אכילתו:
עו) יזהר להניח מלח על השלחן:
עז) לא יאכל לחם מפלטר עכו״ם:
עח) יאכל בכל פעם במפה פרוסה בדרך קבע ולא בדרך עראי:
עט) ביום שאכל גבינה לא יאכל בשר ובו״ש להיפך:
פ) יברך ברכת המזון מתוך הספר וידקדק בתיבותיו כי היא מצוה עשה דאורייתא:
פא) יקבל כל אדם בסבר פנים יפות:
פב) יהדר במצוה ויהיה עושה בשמחה ובזריזות:
פג) ירדוף לעשות שלום בין איש לאשתו:

לא

### דעם דאנערשטאג׳דיגען טאג

סה) יקרא. אלע טאג דארף מען אביסעל לערנען אין ספר חובת הלבבות אדער אין ספר ראשית חכמה:
סו) לא. אין מיטען לערנען זאל מען נישט איבערהאקען מיט פוסטע רייד:
סז) להיות. דעם דאנערשטיגען טאג און די נאכט צו פרייטאג דארף מען זיין וואכעדיג:
סח) עיקר. דאס הויפט לערנען דארף זיין אז מען זאל זיך מאטערין אין די רייד פון די פֿער־צייטיגע פוסקים:
סט) יקרא. שטענדיג דארף א מענטש לערנען אין איין ספר און נישט אלע טאג אין אנאנדער ספר:
ע) לא. מען דארף נישט לערנען איילענדיגערהייט:
עא) יקבע. מען דארף בעשטימען א געוויסע צייט צום לערנען:
עב) יעיין. מען דארף לערנען אין אזעלכע ספרים וואס זענען שיין געשריבען, [אדער געדרוקט] און וואס זענען שיין געבונדען:
עג) קודם. איידער מען עסט דארף מען חאטש עפעס לערנען א בעשטימטע צייט:
עד) ימעט. ביי דער נאכט דארף מען ווייניג עסען כדי אין האלבע נאכט זאל מען קענען אויף שטיין און לערנען:
עה) יתפלל. פאר׳ן עסען דארף מען בעטען גאט אז ער זאל געבען פרנסה:
עו) יזהר. מען דארף זיך פילעווען צו לייגען זאלץ אויפ׳ן טיש ווען מען עסט:
עז) לא. מען טאר נישט עסען ברויט פון א בעקער א עכו״ם:
עח) יאכל. אלע מאל זאל מען עסען אויף א טישטוך פערשפרייט גכבוד:
עט) ביום. אין דעם טאג וואס מען האט געגעסען קעז זאל מען נישט עסען קיין פליייש, און א כל שכן אז מען האט געגעסען פלייש זאל מען יענעם טאג נישט עסען קיין קעז:
פ) יברך. מען דארף בענטשען אין א סידור, און דארף זיך פילעווען זאגען ריכטיג יעדעס ווארט ווייל בענטשען איז דאך א מצוה פון דער תורה:
פא) יקבל. יעדערען מענטש דארף מען עמפאנגען מיט א פריינדליכען פנים:
פב) יהדר. מען דארף זעהן מיט אלע מעגליכקייטען מקיים צו זיין א מצוה, און מקיים זיין איהר מיט פרעהליכקייט און מיט געשיקטקייט:
פג) ירדוף. א מענטש זאל לויפען נאך די מצוה צו מאכען שלום צווישען א מאן און זיין ווייב:

לא

ספר חסידים החדש

פד) לא יסתכל בפני אשה כלל כי אם בפני אשתו:
פה) יסתכל תמיד לשמים:
פו) לא יוציא מפיו דבר שאינו צריך:
פז) יהיה פיו ולבו שוין:
פח) אם חייב לחבירו לא ידחה אותו בלך ושוב אלא יפייסו להסתינו:
פט) אם הרויח דבר יאמר בעז"ה אפילו שהוא ריוח מועט:
צ) ידקדק מאוד באיסור בשר וחלב:
צא) ילמוד בכל יום באיזה ספר מוסר או הנהגות טובים:

## ליום ששי

א) כשרואה חבירו עוסק באיזה מצוה יתחבר אליו או יסייע לו ומעלה כאלו עשאה:
ב) ילמוד להיות בקי לחשוב בתקופת ומזלות:
ג) יהיה נזהר מאוד להתפלל כל יום כל התפלה המסודר כפי מנהגים מן ארון עולם עד עלינו לשבח, שלא יחסר מזה אפילו דבור אחד, שיהי' בכוונה רצוי', ודוקא בציבור ולא ביחיד:
ד) יהיה לו חק קבוע ללמוד בכל יום תורה נביאים כתובים כסדר ולא יעבור:

אל

דעם דאנערשטאג'דיגען טאג

פד) לא. מען טאר נישט קוקען אין געזיכט פון א פרוי, סיידען פון זיין פרוי:
פה) יסתכל. מען דארף שטענדיג קוקען אויפ'ן הימעל:
פו) לא. א מענטש זאל נישט ארויס רעדען פונ'ם מויל א זאך וואס עס איז איהם נישט נוציג:
פז) יהיה. דער מויל און דאס הארץ דארף זיין ביים מענטשען גלייך, און נישט טראכטען מיט'ן הארצען אנדערש און מיט'ן מויל רעדען אנדערש:
פח) אם. אויב א מענטש איז שולדיג דעם צווייטען געלד און ער האט נישט, זאל ער איהם נישט אפ שלעפען מיט קום שפעטער מארגען, נאר ער זאל איהם בעטען אז ער זאל ווארטען ביז א בעשטימטע צייט:
פט) אם. אויב א מענטש האט עפעס פערדינט אפילו א קליינעם פערדינסט, זאל ער זאגען איך האב פערדינט מיט גאט'ס הילף:
צ) ידקדק. מען דארף זיין זעהר געווארענט אינ'ם איסור פון פליישיג מיט מילך:
צא) למוד. אלע טאג דארף מען לערנען אין א מוסר־ספר, אדער אין א ספר וואס שטייט דארט גוטע פיהרונג:

## דעם פרייטאגדיגען טאג

א) כשרואה. אז א מענטש זעהט אז זיין חבר טהוט א מצוה־זאך זאל ער זיך צו איהם בעהעפטען, אדער ער זאל איהם העלפען טהון די מצוה, ווערט דאס גערעכענט אז ער האט אויך געטהון די מצוה:
ב) ילמוד. מען דארף לערנען און זיין קלאר צו רעכענען דעם רעכענונג פון תקופות און מזלות:
ג) יהיה. א מענטש דארף זיך פילעווען אלע טאג צו דאווענען דעם גאנצען דאווענען וואס עס איז מסודר אין סידור, פון ארון עולם ביז עלינו לשבח, ער זאל נישט פארפעהלען אפילו איין ווארט און עס זאל זיין מיט ריינע געדאנקען, און ער זאל דאווענען נאר מיט א מנין:
ד) יהיה. א מענטש דארף האבען אלע טאג א בעשטימטע צייט צו לערנען תורה און נביאים און כתובים, בסדר, און קיינמאל נישט פארפעהלען:

אל

## ספר חסידים החדש

ה) אל יהיה מצות סוכה קל בעיניך:
ו) לא יאכל ולא ישתה שום דבר חוץ לסוכה כל שבעת ימי החג:
ז) כשיקדש הלבנה יראה עכ"פ להחליף בגד טוב לקדש בו:
ח) יתאמץ לזכות רבים במאי דאפשר למעבד:
ט) יהיה נזהר להראות שום חבה לבניו:
י) יתן לבניו כל צרכם בשמחה כברכת ה' אשר נתן לו:
יא) יבחר לו עכ"פ מצוה אחת ויקיים אותה בכל דקדוקיה:
יב) יהי' זריז מאוד במצות ה':
יג) יבקר חולה ואם לא יוכל לבקר חולה יראה לסייע לו במאי דאפשר:
יד) יזהר מאוד בנדרים לקיים אותם:
טו) יזהר מאוד ללמוד דבר מה קודם השינה בכל לילה אפילו בקיץ:
טז) יחשוב בכל לילה קודם השינה מה שעשה ביום זה נגד רצונו ית"ש ויתחרט עליו ויתודה:
יז) על כל מה שמברך עליו יקח ביד ימין:
יח) קודם שיברך ברכת המזון יכוין בחסד אל שעושה עמו שנתן לו מזונות להחיות נפשו שעי' זה בא לידי שמחה ואהבה:
יט) ילמוד בכל יום עכ"פ דבר מה אף שהוא דבר מעט מתורה נביאים כתובים ומשנה וגמרא:
כ) ילמוד בכל יום איזה דבר בספר מוסר:
כא) ילמוד מתחלה הגמרא עם פי' הרא"ש שיהיה בקי בהן היטב ואחר כך ילמוד פוסקים ראשונים ואחרונים:

בכל

## דעם פרייטאג'דינען טאג

ה) אל. די מצוה פון סוכה זאל נישט זיין גרינג אין די אויגען פון מענטש:
ו) לא. מע דארף זיין געווארענט נישט צו עסען און נישט צו טרינקען קיין זאך אויסער דער סוכה אלע זיעבען טעג יום טוב:
ז) כשיקדש. אז מען איז מקדש די לבנה זאל מען פריהער אנטהון א שעהנעם מלבוש:
ח) יתאמץ. א מענטש דארף זעהן מיט אלע מעגליכקייטען מזכה את הרבים זיין:
ט) יהיה. א מענטש דארף זיין פארזיכטיג נישט צו ווייזען קיין ליעבשאפט צו זיינע קינדער:
י) יתן. א מענטש דארף געבען זיינע קינדער אלע זייערע בעדערפעניש, מיט פרייד, לויט ווי גאט האט איהם געהאלפען:
יא) יבחר. א מענטש דארף ווייניגסטענס אויס קלויבען חאטש איין מצוה, און ער זאל זי מקיים זיין מיט אלע דקדוקים:
יב) יהיה. א מענטש דארף זיין זעהר פלינק אין גאט'ס מצות:
יג) יבקר. א מענטש דארף בעזוכען א קראנקען מענטש, און אויב ער קאן איהם נישט בעזוכען זאל ער זעהן איהם צו שטיצען מיט אלע מעגליכקייטען:
יד) יזהר. א מענטש דארף זיך זעהר פילעוועו מקיים זיין די נדרים וואס ער האט א נדר געטהון:
טו) יזהר. א מענטש דארף זיך זעהר פילעוועו לערנען עפעס פאר'ן שלאף, אלע נאכט, אפילו אום זומער:
טז) יחשוב. אלע נאכט פאר'ן שלאף דארף מען זיך בערעכענען אויב מען האט נישט דעם טאג עפעס געטהון, נעגען גאט'ס ווילען, און חרטה האבען דערויף, און זיך מתודה זיין:
יז) על. אויף יעדע זאך וואס מען מאכט דערויף א ברכה דארף מען נעמען מיט דער רעכטער האנד:
יח) קודם. איידער מען בענטש דארף מען טראכטען גאט'ס גענאד וואס ער האט מיט איהם געטהון וואס ער האט איהם געגעבען שפייז צו דערקוויקען זיין קערפער, דען דורך דעם קומט מען צו פרייד און צו ליעבשאפט צו גאט ברוך הוא:
יט) ילמוד. אלע טאג דארף מען עפעס לערנען פון תורה און נביאים און כתובים און פון משנה און גמרא:
כ) ילמוד. אלע טאג דארף מען עפעס לערנען אין א מוסר-ספר:
כא) ילמוד. מען דארף לערנען גמרא מיט׳ פירוש פון רא"ש, אז מען זאל זיין אין זי קלאר, דערנאך זאל מען לערנען די פוסקים, די ראשונים און די אחרונים:

בכל

## ספר חסידים החדש

כב) בכל יום יקח לו פנאי לעיין היטב ולהרץ איזה דבר הלכה בש"ס או בהגדה או שום קושי׳:

כג) מאוד ומאוד יהיה זריז בלימוד שלו ואל יאמר כשאפנה אשנה:

כד) אם דבר אחד נגנב או נאבד ממנו מתוך ביתו אל יאמר בפשיטות לשום אדם ובפרט שאל יחשד בפשיטות למשרת או משרתת שלו:

כה) מי שיש לו בן קטן המוטל בעריסה לא ירננו לו שירים וזמירים של נכרי כדי שלא יבכה:

כו) אסור לעמוד על המקח בשעה שאין לו דמים:

כז) וכן אסור להראות שרוצה למכור חפצו ואין דעתו למכרו:

כח) לא יתפלל אא"כ שהוא מעוטף בלבושיו:

כט) לא יתחיל לומר ברוך אתה ה׳ עד שיתיישב בלבו על מה הוא רוצה לברך:

ל) אם רוצה לאכול אגוזים אל יברך אלא ישבר מתחלה האגוז ואחר כך יברך, כי אפשר שהוא מתליע ונמצא מברך לבטלה:

לא) בכל יום יאמר קודם הלימוד יהי רצון ופסוקים הנדפסים בתחלה מס׳ ברכות בש"ס הנדפסים בפפד"ם, ואח"כ יאמר איזה פסוקים תורה ונביאים וכתובים ואיזה משנה ודבר אחד מש"ס כדי שילמוד בכל יום תנ"ך ומשנה ותלמוד ע"כ ראוי ונכון לומר בכל יום מכל אחד ההתחלות, דהיינו תורה יאמר בראשית עד יום אחד, ונביאים יאמר תחילת פ׳ יהושע ג׳ פסוקים, וכתובים יאמר תחילת תהלים ג׳ פסוקים, ומשנה יאמר משנה ראשונה של מס׳ ברכות מאימתי וכו׳, ומאמר מש"ס יאמר תחלת ברכות תנא היכי קאי דקתני מאימתי וכו׳ עד ואי בעית אימא יליף מברייתו של עולם

## דעם פריטאג׳דיגען טאג

כב) בכל. אלע טאג דארף מען זיך נעהמען צייט גוט צו ערקלערען און פערענטפערען א קשי׳ אין גמרא אדער אין אגדה, אדער אין א פסוק:

כג) מאד. מען דארף זיין זעהר און זעהר פלינק אינ׳ם לערנען, און א מענטש זאל נישט זאגען אז איך וועל ווערען לעדיג וועל איך דעמאלט לערנען, ווייל ממילא וועט ער נישט ווערען לעדיג:

כד) אם. אויב עס איז ביי א מענטש עפעס גע׳גנב׳עט געווארען, אדער פערלוירען געווארען פון שטוב זאל ער נישט חושד זיין באלד אויף בעשטימט קיין מענטש. איבערהויפט זאל ער נישט חושד זיין באלד אויף בעשטימט זיין משרת אדער משרתת:

כה) מי. אז א מענטש האט א קליין קינד וואס ליגט אין וויגעל, זאל מען נישט זינגען פאר איהם קיין לידער פון א עכו"ם כדי ער זאל נישט וויינען:

כו) אסור. מען טאר זיך נישט דינגען און רייעדען וועגען עפעס קויפען בשעת מען האט נישט קיין געלד:

כז) וכן. אזוי אויך טאר מען נישט ווייזען עפעס און זאגען אז מען וויל דאס פערקויפען, און ווירקליך האלט מען דאס גאר נישט ביים פערקויפען:

כח) לא. מען טאר נישט דאווענען, נאר ווען מען איז אן געטהון אין די קליידער:

כט) לא. מען דארף נישט אנהייבען זאגען די ברכה „ברוך אתה ה״ ביז מען זאל פריהער בעקלערען אין הארצען אויף וועלכע זאך וויל איך דאס מאכען א ברכה:

ל) אם. אויב א מענטש וויל עסען ניס זאל ער פריהער זיי צו ברעכען און ערשט דערנאך זאל ער מאכען א ברכה, ווייל אפשר איז די ניס א ווערעמדיגע, האט ער דאך געמאכט א ברכה אומזאנסט וואס דאס איז א גרויסע זינד:

לא) בכל. אלע טאג זאל מען זאגען פאר׳ן לערנען דעם יהי רצון און די פסוקים וואס זענען געדרוקט אין אנפאנג מסכת ברכות, און דער נאך זאל מען זאגען עטליכע פסוקים פון תורה און נביאים און כתובים און א משנה און א שטיקעל גמרא, כדי צו לערנען אלע טאג תורה און נביאים און כתובים און משנה און גמרא, דרום איז זייער גלייך אז מען זאל זאגען אלע טאג דעם אנפאנג פון יעדע זאך, דהיינו פון תורה זאל מען זאגען פון בראשית ביז יום אחד, און פון נביאים זאל מען זאגען די ערשטע דריי פסוקים פון יהושע. און פון כתובים זאל מען זאגען די ערשטע דריי פסוקים פון תהלים, און פון משניות זאל מען זאגען די ערשטע משנה פון ברכות, און פון גמרא זאל מען זאגען די ערשטע שטיקעל גמרא פון ברכות פון תנא היכי קאי דקתני מאימתי

ביז

### ספר חסידים החדש

עולם דכתיב, וכשיאמר כן בכל יום אז יהיה רגיל ושגור בפיו ויוכל לומר אותו מיד אחר הפלתו קודם שיאכל שום דבר:

לב) יותר טוב להתחבר במשא ומתן בעם הארץ שהוא וותרן בממונו מלהתחבר בת"ח שהוא עצרן וקפדן:

לג) אם שונאים שלו מדברים לו דברים חדודים להכעיסו אל יכעום אלא ישמח במה שיהיה לו בזה כפרת עון:

לד) כל זמן שדולקין נרות חנוכה יהיה עוסק בתורה:

לה) יהיה נזהר להיות לו שני ככרות לחם, אחד לאכילת חלב ואחד לאכילת בשר לבד:

לו) יהיה לו שני מפות לאכול עליו חלב ולבשר לבד:

לז) לא ילמוד לשום תלמיד בשכר רק אם יתן לו ברצון טוב אזי יקח:

לח) לא יפתח ויקרא כתב חבירו:

לט) יהיה זהיר מאוד בחלב שחלבו נכרי ואין ישראל רואהו:

מ) יהדר להיות לו כוס של כסף נאה ומהודר לקידוש:

מא) ידליק נר של שבת בשמן זית וכן בשאר שמנים שמרבים אורן:

מב) יעשן חדרו באיזו ריח טוב קודם הכנסת שבת לכבוד שבת:

מג) אם אין ידו משגת יראה לקמץ כל ימי השבוע מעות ולהפריש איזה סכום שיהיה לו מזומן לצורך שבת:

מד) כשרואה הכעס מתגבר עליו על איזה דבר אזי ידבר בקול נמוך, ואל יגביה קולו בכעס, כי מכח שמגביה קולו מתגבר הכעס יותר:

כשיש

## דעם פרייטאג'דיגען טאג

ביז ואיבעית אימא יליף מבריותו של עולם דכתיב, און אז מען וועט דאס זאגען אלע טאג וועט מען ווערען געוואהנט וועט מען דאס קאנען זאגען באלד נאך דעם דאווענען פאר'ן עסען:

לב) יותר. ביי א געשעפט איז גלייכער זיך צו מיטהעפטען מיט א עם הארץ וואס איז א וותרן מיט'ן געלד, איידער זיך צו בעהעפטען צו א תלמיד חכם וואס איז א קארגער און א בייזער:

לג) אם. אויב זיינע פיינד רעדען צו איהם שטעכענדיגע רייד כדי איהם צו דערצעהרענען, זאל ער נישט ווערען בייז, נאר ער זאל זיך דערמיט פרעהען, ווען דורכדעם וועט ער האבען א פערגעבונג אויף זיינע זינד:

לד) כל. די גאנצע צייט וואס עס ברענען די חנוכה-ליכטלעך דארף מען לערנען תורה:

לה) יהיה. א מענטש דארף זיך פרובירען אז ער זאל האבען צוויי ברויטען, איינעם זאל מען עסען מיט מילכיגס, און דעם צווייטען זאל מען עסען מיט פליישיגס:

לו) יהיה. א מענטש דארף צו האבען צוויי טישטעכער, אויף איינער זאל ער עסען מילכיגס און אויף דער צווייטער זאל ער עסען פליישיגס:

לז) לא. אז מען לערענט מיט א תלמיד זאל מען ביי איהם נישט נעמען קיין געלד דערפאר, נאר אויב דער תלמיד גיט מיט זיין גוטען ווילען מעג ער יא נעהמען:

לח) לא. א מענטש טאר נישט איף עפענען דעם צווייטענס א בריעף און לייענען:

לט) יהיה. א מענטש דארף זיין זעהר געווארענט נישט צו טרינקען קיין מילך וואס עס האט געמאלקען א עכו"ם און א יוד איז דערביי נישט געווען און געזעהן:

מ) יהדר. א מענטש דארף זעהן מיט אלע מעגליכקייטען אז ער זאל האבען א שעהנעם זילבערנעם בעכער אויף קידוש:

מא) ידליק. שבת'דיגע ליכט זאל מען אן צינדען מיט'ן בעסטען בוימאייל, וואס ענטהאלט פיעל ליכטיגקייט:

מב) יעשן. מען דארף אויסרייכערען די וואהנונג מיט א גוטען ריח פרייטאג פאר נאכט לכבוד שבת:

מג) אם. אויב א מענטש איז נישט רייך, זאל ער א גאנצע וואך אפשפארען א געוויסע סומע און דאס בעהאלטען ער זאל דאס האבען אן צו גרייטען אויף שבת'דיגע בעדערפעניש:

מד) כשרואה. אז א מענטש זעהט אז ער ווערט זעהר אין כעס אויף עפעס, זאל ער רעדען מיט א נידעריגע

## ספר חסידים החדש

מה) כשיש לו איזה סכסוך עם אדם אזי לא יראה בפניו וסבה זה יבריח כעסו מלבו:
מו) כשיש לו אורחים לא יכעוס על אנשי ביתו, כי האורחים יהיה סוברים שהוא כועס עליהם:
מז) ילמוד מכל אדם אפילו מקטן שבקטנים:
מח) יהיה מכבד כל אדם הן עני הן עשיר, ויהי׳ כוונתו שהוא מכבד אותם באשר שהם נבראו בצלם אלהים, וכשהוא מכבדם מכבד האומן שעשאם:
מט) לא ישמח בתקלת חבירו אלא מחויב להשתתף בצרתו:
נ) כשהוא חלש מחמת איזה תענית ואינו יכול לעיין בדברים עמוקים יקרא במילהא דאגדתא ולא ישב בטל:
נא) לא יבזה תלמיד חכם אפילו לאחר מותו:
נב) לא יצער שום בעל חי וכל שכן אדם ולא שום דבר של גנאי:
נג) לא יקרא לחבירו עבד:
נד) לא יזלזל בשום דבר מדברי סופרים וכל שכן מדברי תורה:
נה) כששלחו הבית דין לבוא לדין וקבעו לו זמן אזי לא יעבור הזמן:
נו) יקבל עליו דין בית דין ולא יסרב נגדם:
נז) אם יש לו ברשותו איזה דבר המזיק כגון כלב או סולם רע צריך לסלק הנזק׳

לא

### דעם פרייטאג׳דיגען טאג

א נידעריגע שטימע, און זאל נישט רעדען הויך מיט כעס, דען דורכדעם וואס ער רעדט הויך שטארקט זיך נאך מעהר דער כעס:

מה) כשיש. אז א מענטש האט מיט עמיצען א סכסוך זאל ער איהם נישט אן קוקען אין געזיכט, דען דורכדעם וועט פון איהם פערשוואונדען ווערען דער כעס:

מו) כשיש. אז א מענטש האט ביי זיך אורחים זאל ער נישט זיין אין כעס אויף זיינע שטוב מענטשען, דען די אורחים וועלען מיינען דאס ער איז אין כעס אויף זיי:

מז) ילמוד. א מענטש דארף זיך לערנען פון יעדען מענטש, אפילו פונ׳ם קלענסטען מענטש:

מח) יהיה. א מענטש דארף אפ געבען כבוד יעדען מענטש, סיי א ארימאן און סיי א גביר, און ער זאל דענקען דאס ער איז זיי מכבד דערפאר וואס זיי זענען בעשאפען געווארען אין גאט׳ס פארעם, און דערמיט וואס ער איז זיי מכבד איז ער מכבד דעם בעשעפער וואס האט זיי בעשאפען:

מט) לא. אז זיין פריינד האט עפעס א אומגליק זאל ער זיך נישט פרעהען, נאר ער איז פערפליכטעט אנטהייל צו נעהמען אין זיינע שמערצען:

נ) כשהוא. אז א מענטש האט געפאסט און ער איז שוואך און דורכדעם קאן ער נישט קלערען אין שווערע זאכען פון לערנען זאל ער קוקען אין ענינים פון אגדתא, אום נישט צו זיצען ליידיג:

נא) לא. מען טאר נישט מבזה זיין קיין תלמיד חכם, אפילו נאך זיין טויט:

נב) לא. מען טאר נישט טהון קיין שמערצען קיין לעבעדיגע זאך, און א כל שכן א מענטש טאר מען געוויס נישט טהון קיין שמערצען, אויך טאר מען זיי נישט אן טהון קיין שאנדע זאך:

נג) לא. א מענטש זאל זיין פריינד נישט רופען „קנעכט״:

נד) לא. מען טאר נישט מזלזל זיין קיין זאך וואס עס איז אפילו נאר אסור מדרבנן, און א כל שכן מען טאר נישט מזלזל זיין קיין זאך וואס עס איז מן התורה:

נה) כששלחו. אז דאס בית דין האבען עמיצען געשיקט א שמש און גערופען איהם אז ער זאל קומען צום דין, און האבען איהם בעשטימט א צייט, זאל ער נישט פערשפעטיגען די צייט:

נו) יקבל. א מענטש דארף באלד אן נעמען דעם פסק פון בית דין און זאל נאר נישט איבער רעדען:

נז) אם. אויב א מענטש האט אין זיין רשות א שעדליכע זאך, דהיינו א הונד אדער א שלעכטען לייטער דארף ער באלד אפ טהון פון דארט די געפעהרליכע זאך:

לא

## ספר חסידים החדש

נח) לא ימכור קרקע שלו לנכרי כשהוא סמוך למיצר קרקע של ישראל:

נט) לא יזלזל בשני יו"ט של גליות ורבים מקילין ושותין מי דבש של כל השנה באחרון של פסח, ע"כ ראוי לירא שמים להרחיק מזה:

ס) לא יעשה מלאכה בערב פסח אחר חצות:

סא) לא יזכיר שם שמים לבטלה ולא במקום שאינו נקי:

סב) כשיבא לפני בית דין לא יטעון שקר וידע כי ה' נצב בעדה אל:

סג) יתפלל על מזונו קודם שיאכל:

סד) בעת אכילתו יחשוב במחשבתו כאלו אוכל לפני המלך, ואכילתו היא בשפע משלחן גבוה קוני, ועל זה נאמר ואכלת לפני ה':

סה) אם הוא בעל תשובה יתוודה על עוונותיו קודם שיאכל:

סו) יזהר מאוד שלא לדבר בפני חבירו מאותו מום שיש בחבירו או במשפחתו, אפילו שהוא מדבר מאדם שיש בו אותו מום:

סז) אף שהוא עוסק בתורה יומם ולילה אעפ"כ צריך לסגף עצמו על עונותיו וראיה מדוד המלך עליו השלום:

סח) אם יזכהו ה' בבן זכר ישתדל שישא אשה בבחרותו קודם שיבוא לידי הרהור חטא:

סט) ראוי ונכון לטבול עצמו בכל ערב שבת שהיא סוד גדול כמבואר:

ע) יהיה זהיר בכבוד חול המועד שמשא ומתן שלו לא יהיה אלא בדבר האבוד:

יהיה

## דעם פרייטאג'דיגען טאג

נח) לא. א מענטש זאל נישט פערקויפען זיין פעלד צו א עכו"ם אויב דאס פעלד איז נאהענט צו א יודיש פעלד:

נט) לא. א מענטש זאל נישט מזלזל זיין אינ'ם צווייטען טאג יום טוב פון גליות. דען פיעל מענטשען װענען מקיל און טרינקען אום אחרון של פסח מעד פון א גאנץ יאהר, א גאט'ס פארכטיגער מענטש דארף זיך דערוויטערען דערפון:

ס) לא. ערב פסח נאך האלבען טאג דארף מען נישט ארבייטען:

סא) לא. מען טאר נישט דערמאנען אומזיסט דעם אייבערשטענס נאמען, אויך טאר מען איהם נישט דערמאנען אין א אומרייניגעם ארט:

סב) כשיבוא. אז א מענטש קומט פאר'ן בית דין זאל ער נישט טענ'ען ליגען, אדער פאלשע טענות, דען ער דארף וויסען אז גאט שטייט ביי א דין תורה:

סג) יתפלל. פאר'ן עסען דארף מען בעטען אויף פרנסה:

סד) בעת. בשעת'ן עסען דארף מען טראכטען און זיך פארשטעלען פונקט אזוי ווי מען עסט פאר'ן קעניג, און זיין עסען קומט פונ'ם קעניגליכען טיש, אויף דערויף שטייט זאלסט עסען פאר גאט:

סה) אם. אויב א מענטש איז א בעל תשובה זאל ער זיך מתודה זיין פאר'ן עסען:

סו) יזהר. א מענטש דארף זיין פארזיכטיג נישט צו רעדען פאר זיין פריינד פון א פעהלער וואס גראדע דער פריינד האט דעם זעלבען פעהלער, אדער דער פעהלער איז גראדע דא אינ'ם פריינד'ס משפחה חאטש ער רעדט נאר פון א צווייטע מענטש וואס ער האט דעם פעהלער פון דעסטוועגען טאר מען אויך נישט:

סז) אף. חאטש א מענטש לערענט תורה ט"ג און נאכט פון דעסטוועגען דארף ער זיך פייניגען צוליעב זיינע זינד, און עס איז א ראיה פון דוד המלך עליו השלום:

סח) אם. אויב גאט האט עמיצען געהאלפען מיט אזוהן זאל ער זעהן מיט אלע מעגליכקייט דאס ער זאל חתונה האבען יונגערהייט, איידער ער וועט קומען צו געדאנקען פון אן עבירה:

סט) ראוי. עס איז זעהר גלייך דאס אלע פרייטאג זאל מען זיך טובל'ען, דען דאס איז א גרויסער סוד:

ע) יהיה. מען זאל זיין פארזיכטיג אינ'ם כבוד פון חול המועד, אז מען זאל האנדלען נאר די זאכען וואס ער וועט זיי פערלירען אויב ער וועט זיך יעצט נישט בעשעפטיגען מיט זיי, אבער אנדערע זאכען זאל ער נישט האנדלען אום חול המועד:

יהיה

## ספר חסידים החדש

עא) יהיה זהיר בליל שבת שלא יהיה נכרי דולק נרו בשבילו שהיא חילול שבת גמור.
עב) ביום השבת לא יכעוס כלל וע"ז נאמר לא תבערו אש כו׳:
עג) כשיצא מבית הכנסת ילך לאחוריו ופניו אל הארון:
עד) וכן כשיצא מן האלמעמרא אם הספר תורה עליו ילך לאחוריו ופניו לספר תורה:
עה) ינהג כבוד במזוזה שלא ישפוך ולא יניח דבר מאוס לפני המזוזה, והמזוזה פעמים צריך בדיקה:
עו) לא ידבר בחזרת הש"ץ שמונה עשרה ברכות כי גדול עונו מנשוא כמבואר:
עז) להוריד דמעות על אדם כשר שמת רחמנא לצלן:
עח) כששומע דבר הלכה או דבר חידוש תורה לא יאמר כבר שמעתי זה, כי ע"ז נאמר מסיר אזנו משמוע תורה וגו׳:
עט) כל פעם שיכנס ויצא ינשק המזוזה כדי שיזכור ב"ה יוצרו ובוראו בצאתו ובבואו:
פ) בשחרית תחלת יציאתו מביתו יניח ידו על המזוזה ויאמר רבונו של עולם זה נא אלי לםלטינו מן יצר הרע ועל כת דילי׳ אמן:
פא) כשיכנס ויצא ינשק המזוזה בידו הימנית ויאמר שדי ישמרני מיצר הרע ומכל צרה וצוקה א"ס, ויכוין ששם שדי ר"ת שומר דלתות ישראל:
פב) יזהר להיות נקי בתוך ד׳ אמות של מזוזה:

### דעם פרייטאג׳דיגען ס׳.



עא) יהיה. מען דארף זיין פארזיכטיג פרייטאג צו נאכט אז א עכו"ם זאל נישט אנצינדען קיין ליכט פאר איהם, דען דאס איז א ווירקליכער חילול שבת:
עב) ביום. אום שבת זאל מען גאר נישט ווערען אין כעס, און קרוינ שטייט איהר זאלט נישט אנצינדען קיין פייער (פון כעס) אום שבת:
עג. כשיצא. אז מען גייט ארויס פון שוהל זאל מען גיין הינטער ווייליכטס, און דער פנים זאל זיין צום ארון קודש:
עד) וכן. אזוי אויך אז מען גייט אוועק פונ׳ם באלעמער, אויב דער ספר תורה ליעגט דארט, זאל מען גיין הינטער ווייליכטס, און דער פנים זאל זיין צום ספר תורה:
עה) ינהג. מען דארף אפ געבען כבוד דער מזוזה, אז ער זאל גאר נישט אויסגיסען, און זאל נישט אנידער לייגען קיין אומרייניגע זאך לעבען דער מזוזה, אויך דארף מען דער מזוזה אלע מאל איבערזעהן:
עו) לא. בשעת דער חזן זאגט די הויכע שמונה עשרה טאר מען גאר נישט ריידען, דען עס איז א גרויסע עבירה:
עז) להוריד. אויב עס איז געשטארבען א ערליכער יוד דארף מען ארויס לאזען טרעהרען:
עח) כששומע. אז א מענטש הערט א דין אדער א חידוש און ער האט דאס שוין א מאל געהערט זאל ער נישט זאגען איך האב שוין דאס געהערט, דען דערויף שטייט אז א מענטש קעהרט אפ דעם אויער פון צו הערען תורה איז אויך זיין געבעט אומווערדיג:
עט) כל. אלע מאל אז מען גייט אריין אין שטוב, אדער מען גייט ארויס פון שטוב, זאל מען קושען די מזוזה, אום גאט ברוך הוא צו געדענקען ארויסגעהענדיג פון שטוב און אריינגעהענדיג אין שטוב:
פ) בשחרית. אין דער פריא באלד ווי מען גייט ארויס פונ׳ם שטוב זאל מען ארויף לייגען די האנד אויף דער מזוזה און מען זאל זאגען „האר פון דער וועלט! דערבארעם זיך אויף מיר, אפצוהיטען מיך פונ׳ם יצר הרע און פון זיין גאנצע סטרא אחרא, אמן":
פא) כשיכנס. אז מען גייט אריין אין שטוב אדער אז מען גייט ארויס פון שטוב זאל מען געבען א קוש דער מזוזה מים דער רעכטער האנד און מען זאל זאגען „שדי! היט מיך אפ פון יצר הרע און פון אלע צרות און ענגשאפטען, אמן סלה", און מען דארף געדענקען אז די אנפאנג ווערטער פונ׳םווארט שדי זענען "שומר דלתות ישראל, וואס דער מיינט איז ער היט די יודישע טהירען:
פב) יזהר. א מענטש דארף פילעווען אז עס זאל זיין ריין אין די פיער אהלין דער מזוזה:

ספר חסידים החדש

פג) יזהר להשים זכוכית על השם שהשם יאיר מתוך הזכוכית:
פד) יזהר שלא יוליך איזה דבר מאוס לפני מזוזה, ואם בהכרח הוצרך להוליך איזה דבר מאוס על הפתח לפני המזוזה יראה להתאמץ לכסות המזוזה:
פה) יהיה נזהר מאוד להיות שמירה מעולה לספר תורה שיהיה במקום מוצנע ושלא יוכלו להגיע אליה תינוקות או שאר בני אדם:
פו) יעיין בתפילין אם הם שחורות כראוי ולפעמים צריכין בדיקה:
פז) יהדר לקנות ספרים אף אם בדמים יקרים:
פח) יזהר מאוד מלדבר שפה יתר ומשום שיחה בטילה:
פט) כל שעה ושעה יחשיב בגדולת הבורא יתברך שמביא לידי קדושה:
צ) לא ילך ארבע אמות בלי כוונת תורה ומצות:

# ליום שבת

א) כל יום ויום מימות החול יכין איזה דבר לצורך שבת:
ב) יראה לקיים כל מילי דחסידות והנהגות שכתוב בששה סדרים:
ג) לא ישמיע לאזניו שום דיבור לבטלה ששומע כעונה:
ד) בשני לילות הראשונים של פסח לא ידבר שום דבר חול וינהג עצמו מאוד בקדושה:

בחודש

## דעם פרייטאג'דיגען טאג

פג) יזהר. אויפ'ן שם פון דער מזוזה דארף מען ארויף לייגען א שטיקעל גלאז, כדי דער שם זאל ארויס לייכטען דורכ'ן גלאז:
פד) יזהר. מען דארף זיין זעהר פארזיכטיג אז מען זאל נישט ארורך טראגען דורך דער מזוזה קיין אומרייניגע זאך, און אויב ער מוז אדורך טראגען, דען אנדערש איז אונמעגליך, זאל ער זעהן מיט אלע מעגליכקייטען צו צו דעקען די מזוזה:
פה) יהיה. א מענטש דארף זיין זעהר געווארענט אז די ספר תורה זאל שטיין אין א בעהאלטענעם ארט, און עס זאלען דארט נישט קאנען צו קומען קיין קינדער, אדער אנדערע מענטשען:
פו) יעיין. מען דארף אכטונג געבען אויף די תפילין אז זיי זאלען זיין גוט שווארץ, און מען דארף זיי אלע מאל איבער זעהן:
פז) יהדר. מען דארף זעהן מיט אלע מעגליכקייט קויפען ספרים, חאטש זיי קאסטען טייער:
פח) יזהר. מען דארף זיין זעהר פארזיכטיג נישט צו רעדען קיין איבעריגע רייד און נישט צו רעדען קיין פוסטע רייד:
פט) כל. אלע צייטען דארף מען טראכטען די גרויסקייט פון גאט ברוך הוא, דען דאס ברענגט דעם מענטש צו הייליגקייט:
צ) לא. א מענטש דארף נישט גיין פיער איילען וואס ער זאל נישט טראכטען פון תורה און מצות:

## דעם שבת'דיגען טאג

א) כל. יעדען טאג פון דער וואך דארף מען עפעס אן גרייטען אויף שבת:
ב) יראה. א מענטש דארף זעהן צו ערפילען אלע ערהליכע און פרומע פיהרונג וואס עס שטייט אין דער גמרא:
ג) לא. א מענטש זאל נישט צו לאזען די אויערען אז זיי זאלען הערען א פוסט ווארט, דען דאס הערען איז גלייך פונקט אזוי ווי ער וואלט דאס גערעדט:
ד) בשני. אין די ערשטע צוויי נעכט פון פסח זאל מען נישט רעדען קיין וואכעדיגע רייד. און מען דארף זיך זעהר שטרענג פיהרען מיט הייליגקייט:

בחודש

## ספר חסידים החדש

ה) בחודש אלול יעשה תשובה על כל מעשיו, וירבה מאוד בתענית ובתשובה כל החודש:

ו) כשמשיא בניו ובנותיו לנשים או לאנשים יראה לדבק בטובים ובגזע ישרה ולא יתן עיניו בממון:

ז) יזהר בכבוד הבריות לכבדם כראוי, ומחשבתו יהיה לכבוד השם ב"ה, כי הם מעשה ידיו ובריותיו:

ח) יהיה רגיל לברך לכל אדם כשמזכירו בעין טוב ובלב טוב:

ט) יהיה לו שיעור קבוע מה שילמוד בכל יום, ואם לא ישלים ביום לא ילך לישן בלילה עד שישלים השיעור קבוע:

י) יהדר שיהיה לומדי תורה סמוכים על שלחנו:

יא) כשמגיע לברוך שאמר יקח הציצית בידו כנגד לבו:

יב) יהי' נזהר במאוד שלא יהיה תפילין שלו קטנים ביותר:

יג) כשבא לבית הכנסת ישב מעט או יעמוד מעט ויאמר הרי אני מקבל עלי עול מלכות שמים ומצות ואהבה לרעך כמוך:

יד) כשילך לבית הכנסת או לדבר מצוה ילך במרוצה:

טו) כשמגיע לויברך דויד בתפלת שחרית יתן איזה דבר לצדקה:

טז) כשרוצה לאכול יכוין במחשבתו מה להרבות באכילה ובשתיה הלא מכל אכילתו ושתייתו נעשה פרש וזבל, והכל הולך למקום הטנופת, ומכח זה לא ירבה בהאוותו, וע"ז רמזו רז"ל [בשבת כ"ה ע"ב] איזה עשיר מי שיש לו בית הכסא סמוך לשולחנו:

יהיה

### דעם שבת'דיגען טאג

ה) בחודש. אינ'ם חודש אלול דארף מען טהון תשובה אויף אלע זינד וואס מען האט געטהון א גאנץ יאהר, און א גאנצען חודש דארף מען פיעל פאסטען און תשובה טהין:

ו) כשמשיא. אז א מענטש מאכט חתונה זיינע קינדער, צו וויבער, אדער צו מענער, זאל ער זעהן זיך משדך צו זיין צו עהרליכע מענטשען און צו א ארענטליכע פאמיליע, און ער זאל נישט קיקען אויף געלד:

ז) יזהר. א מענטש דארף זיין פארזיכטיג אינ'ם כבוד פון מענטשען, זיי מכבד צו זיין ווי עס איז געהעריג, און בשעת מען דארף טראכטען אז דאס טהוט מען צוליעב גאט'ס כבוד, ווייל זיי זענען דאך זיינע בעשעפעניש:

ח) יהיה. א מענטש דארף זיין געוואהנט אז אלע מאל ווען ער דערמאהנט עמיצען זאל ער איהם בענטשען מיט א גוט אויג פונ'ם פולען הארצען:

ט) יהיה. א מענטש דארף האבען אלע טאג א בעשטימטע צייט וואס ער זאל דעמאלט לערנען, און אויב ער האט נישט געלערענט ביי טאג, זאל ער ביי נאכט נישט גיין שלאפען ביז ער וועט אפ לערנען דעם בעשטימטען שיעור:

י) יהדר. א מענטש דארף זעהן מיט אלע מעגליכקייט אז ביי זיין טיש זאלען עסען מענטשען וואס זיצען און לערנען:

יא) כשמגיע. אז מען הייבט אן צו זאגען ברוך שאמר זאל מען נעהמען די ציצית אין האנד אריין, און זיי האלטען אנטקעגען הארצען:

יב) יהיה. א מענטש דארף זעהן דאס זיינע תפלין זאלען נישט זיין זעהר קליין:

יג) כשבא. אז א מענטש קומט אריין אין שוהל זאל ער זיך אביסעל צו זעצען, אדער ער זאל זיך אנידער שטעלען, און ער זאל זאגען „איך נעהם אויף מיר דעם יאך פון הימעל, און די מצוה אז מען זאל ליעב האבען א פריינד פונקט אזוי ווי זיך זעלבסט:

יד) כשילך. אז מען גייט אין שוהל אריין אדער צו טהון א מצוה-זאך דארף מען גיין גיך:

טו) כשמגיע. בשעת'ן דאווענען אין דער פריא אז מען קומט צו די ווערטער ויברך דוד זאל מען עפעס געבען אויף צדקה:

טז) כשרוצה. אז א מענטש וויל עסען זאל ער טראכטען צו וואס זאל איך פיעל עסען און טרינקען? פונ'ם גאנצען עסען און טרינקען ווערט דאך מיסט, און אלץ גייט דאך אין א אונרייניגעם ארט, און דורכדעם וועט דער מענטש נישט זיין קיין גרויסער בעל תאוה, און דערויף האבען די הייליגע חז"ל מרמז געווען מיט דעם וואס זיי האבען געזאגט אין מסכת שבת [דף כ"ה ע"ב] ווער

ספר חסידים החדש

יז) יהיה רגיל ללמוד הלכות ברכות כדי שידע לברך כראוי על כל מין ומין מעין ברכותיו:

יח) אם יבוש ברבים אל יצטער ויחשוב בלבו הלא זה העולם חלף ועבר, ויקבל באהבה, ומוטב שיבוש בעוה"ז ולא יבוש בעוה"ב, ויקבל בשמחה, וישים במחשבתו שבוודאי הוא רצון יתברך:

יט) יחזיק הציצית בידו בעת קריאת ק"ש של שחרית עד אחר אמת ויציב עד ותורתך ודברך ישים אל לבו, כדי שישים אל לבו מצות ציצית בעת התפלה:

כ) מבואר בטור א"ח [סימן ב'] ילבוש מנעול של ימין תחלה ולא יקשרנו, ואחר כך ילבוש של שמאל ויקשרנו, ואחר כך יקשור המנעל של ימין:

כא) לעולם יזכור טובת הבורא עליו, ואם בא עליו ח"ו איזה צרה וניצול ממנה יעשה לו יום קבוע להתבודד בו ולהזכיר שבח הבורא אשר הצילו:

כב) יזהר מאוד שיהיה משא ומתן שלו באמונה ויאמר על הן הן ועל לאו לאו:

כג) ירגיל עצמו במשא ומתן שלו לומר בתחלה סוף דעתו וירגיל כל המתעסקים עמו שידעו שלא ישנה דבריו:

כד) על כל פעולה שיעשה יאמר אם ירצה השם, ועצת ה' ה"א תקום הי"א ר"ת "אם "ירצה "השם:

אף

## דעם שבת'דיגען טאג

מענטש איז א רייכער מענטש? דער מענטש וואס האט א בית הכסא לעבען זיין טיש, כלומר בשעת'ן עסען האט ער אין זינען אז דאס גייט אין בית הכסא אריין:

יז) יהיה. א מענטש דארף זיין געוואוהנט צו לערנען די דינים פון ברכות, כדי ער זאל אויף יעדע זאך וויסען ריכטיג וועלכע ברכה מען דארף מאכען:

יח) אם. אויב א מענטש איז פארשעמט געווארען פאר פיעל מענטשען, זאל ער דערפון נישט האבען קיין שמערצען, און ער זאל טראכטען אין הארצען אז די וועלט איז דאך נאר אדורך לויפענדיגע וועלט, און ער זאל דאס צו נעהמען מיט ליעבשאפט, דען עס איז גלייכער אז ער זאל פערשעמט ווערען אויף דער וועלט, און ער זאל נישט פערשעמט ווערען אויף יענער וועלט, און ער זאל דאס צו נעהמען מיט פרייד, און זאל טראכטען אין די געדאנקען אז דאס איז דאך געוויס דער ווילען פון גאט ברוך הוא:

יט) יחזיק. אין דער פריא בשעת קריאת שמע זאל מען האלטען די ציצית אין האנד ביז נאך אמת ויציב ביז נאך די ווערטער ותורתך ודברך ישים אל לבי, כדי ער זאל דערמאהנען דאס הארץ די מצוה פון ציצית בשעת'ן דאווענען:

כ) מבואר. אין טור אורח חיים [סימן ב'] שטייט אז פריהער דארף מען אן טהון דעם שוך פון דעם רעכטען פוס, און מען זאל איהם נישט צו בינדען, און דערנאך זאל מען אן טהון דעם שוך פון דעם לינקען פוס און מען זאל איהם צו בינדען, און דער נאך צו בינדען דעם שוך פון רעכטען פוס:

כא) לעולם. שטענדיג זאל א מענטש געדענקען די גוטסקייט וואס גאט האט איהם געטהון, און אויב עס איז חס ושלום אויף איהם געקומען עפעס א אומגליק און ער איז דערפון בעשערעמט געווארען זאל ער בעשטימען א טאג אז ער זאל דעמאלט זיין בעזונדער, און ער זאל דערמאהנען די לויבונג פון גאט וואס ער האט איהם בעשערעמט:

כב) יזהר. א מענטש זאל זיין זעהר פארזיכטיג אז ער זאל האנדלען ארענטליך, אויף יא זאל ער זאגען יא, און אויף ניין זאל ער זאגען ניין, אן קונץ-שטיקליך,

כג) ירגיל. א מענטש זאל זיך איינגעוואוהנען אז ביים געשעפט זאל ער שטענדיג זאגען דעם לעצטען פרייז, און ער זאל איין געוואוהנען אז אלע מענטשען וואס האנדלען מיט איהם זאלען דאס וויסען, כדי זיי זאלען זיך נישט דארפען צו דינגען מיט איהם:

כד) על. אויף יעדע זאך וואס מען קלערט צו טהון זאל מען זאגען אם ירצה השם, [אויב גאט וועט וועלען] אין פסוק שטייט ועצת ה' הי"א תקום, דעם אייבערשטענס עצה איז אז מען זאל זאגען אויב גאט וועט וועלען און דורכדעם וועט דאס בעשטימט זיין, הי"א תקום, הי"א מאכט צאריך אם ירצה השם. תקום, דאס האט א בעשטאנד:

אף

## ספר חסידים החדש

כה) אף אם אירע לו איזה היזק ח״ו, יורה יה׳ ויפשפש במעשיו, ויאמר מאת ה׳ היתה זאת ולא יקמץ בשביל זה ליתן צדקה, אלא יתן ויחזור ויתן:

כו) יראה לחדש איזה חידושי תורה בכל שבת וכיד במוצאי שבת יכתוב לו:

כז) יזהר מאוד שלא להפסיק בדברי תורה בשיחה בטילה:

כח) יזהר שלא לדבר בבית הכנסת אפילו אחר התפלה, ואפילו בדברי מוסר ויראת שמים שלא לבא לידי דברי חול:

כט) לא ינקה באצבע צואת האוזן או צואת החוטם כי צריך נטילת ידים:

ל) לא יהיה עצב בשעת התפלה, חוץ בשעת הווידוי:

לא) תפלה בדמעה היא מרוצה מאוד לפני השם ברוך הוא:

לב) יקרא בטעמים כל שהוא פסוק מתורה נביאים וכתובים:

לג) יזהר להיות לו נר להתפלה בבית הכנסת:

לד) קודם שיתחיל ללמוד יאמר פסוק :: עשרה פעמים והוא טוב „זכר דבר לעבדיך על אשר יחלתני״, ולא יפסיק כלל בהלימוד במילי דעלמא:

לה) צריך לבדוק המזוזה תמיד שאז הבית ניצול משדים ורוחות, ולא ישפוך מים עכורים לפני המזוזה, וצריך לעשות זכוכית בהירה וזכה:

לו) לחם שבירך עליו המוציא לא יתן לעכו״ם, ועכ״פ ראוי מלחם משנה של שבת שבירך עליו המוציא לא יתן ממנו לעכו״ם, אלא אם הוא מוכרח ליתן כנהוג שנוהגין להמשרתים בשבת יעשה עוד לחם וממנו יתן:

אם

## דעם שבת׳דיגען טאג

כה) אף. חאטש עס האט א מענטש געטראפען עפעס א שאדען חס ושלום זאל ער לויבען גאט, און זאל איבער רעכענען אלע זיינע מעשים, און ער זאל זאגען דאס איז באשטימט פון גאט, און דורך דעם זאל ער נישט קארגען צו געבען צדקה, נאר פארקעהרט דורך דעם זאל ער נאך מעהר געבען צדקה:

כו) יראה. א מענטש דארף זעהן מיט אלע מעגליכקייט אז אלע שבת זאל ער עפעס מ... זיין חידושי תורה, און שבת צו נאכט זאל ער דאס באלד פערשרייבען:

כז) יזהר. א מענטש דארף זיין זעהר געווארענט אז בשעת ער לערענט זאל ער נישט איבער האקען אין מיטען מיט פוסטע רייד:

כח) יזהר. מען דארף זיין פארזיכטיג אז מען זאל נישט רעדען אין שוהל, אפילו נאכ׳ן דאוונען, און אפילו נישט קיין פרומע רייד, כדי ער זאל דורכדעם נישט רעדען א אנדערש מאל קיין נישט וועלטליכע רייד:

כט) לא. מיט׳ן פינגער זאל מען נישט אויסרייניגען דאס אומריינקייט פונ׳ם אויער אדער פונ׳ם נאז, ווען אז מען מאכט ריין מיט׳ן פינגער דארף מען וואשען די הענד:

ל) לא בשעה׳ן דאוונען טאר מען נישט זיין טרויעריג, אויסער בשעת מען זאגט ווידוי:

לא) תפלה. אז מען דאווענט מיט געוויין איז דאס פאר גאט ברוך הוא זעהר אנגענומען:

לב) יקרא. אז מען זאגט א פסוק פון תורה אדער פון נביאים אדער פון כתובים זאל מען איהם זאגען מיט׳ן טראפ:

לג) יזהר. א מענטש דארף זיין געוואהנט אז ער זאל האבען אין שוהל א ליכט צום דאוונען:

לד) קודם. איידער מען הייבט אן צו לערנען זאל מען צעהן מאל זאגען דעם פסוק „זכר דבר לעבדך על אשר יחלתני״ געדענק די זאך צו דיין קנעכט וואס דו האסט מיר דערויף געמאכט האפען, און אין מיטען לערנען זאל מען גאר נישט איבער האקען מיט וועלטליכע זאכען:

לה) צריך. מען דארף שטענדיג איבער קוקען די מזוזה, דען דורכדעם ווערט די שטוב בעשערמט פון שדים און רוחות, און מען דארף זיך זעהר היטען נישט אוים צו גיסען אומריינע וואסער אנטקעגען דער מזוזה, און די מזוזה דארף מען אין א ריינע און א קלארע גלאז אריין צו פאסען:

לו) לחם. פון אזוי א ברויט וואס מען האט דערויף געזאגט די ברכה המוציא, זאל מען דערפון נישט געבען צו א עכו״ם, און ווייניגסטענס דארף מען זיין פארזיכטיג אז אויף די חלות

פון

ספר חסידים החדש]

לז) אם מה אחד מבניו רחמנא ליצלן, אזי יקבל עליו לצום אותו יום בכל שנה, וילך אותו יום על קברו, ויעשה תשובה, כי אולי בשביל חטאו מת, על כן החי ישום אל לבו ויעשה תשובה ויתכפר:

לח) ירגיל בניו מנעוריו ביראת השם וגם כי יזקין לא יסיר ממנו:

לט) יהיה נזהר מאוד שלא יביא שום הרהור עבירה בלבו ובמחשבתו:

מ) לא יגלה מעשיו הטובים לשום אדם:

מא) יזהר מאוד מהשגות גבול חבירו:

מב) בכל יום יזכור על יום שבת קודש דהיינו להכין איזה דבר לכבוד שבת, אם יהיה באפשרו, ובזה יקיים זכור את יום השבת, וגם יזכור על ידי זה בכל יום מעשה בראשית:

מג) יזהר שלא לומר דלטוריא על ישראל, דהיינו שלא לומר האיך מנהג זה לא טוב בישראל, או שום דבר ביש ח"ו, אלא אדרבה ירגיל לשונו לדבר טוב וסניגוריא על ישראל:

מד) לא יספר בגנות שום בריה אפי' בגנות בהמה חיה ועופות:

מה) לא יהרוג ולא יצער שום בריה שלא לצורך:

מו) בד' פרשיות פרשת שקלים ושאר כדומה שמחויבים לשמוע מספר תורה לקרות ברבים אזי ינהוג לילך על האלמימרא וישמע הפרשה מתוך ספר תורה:

ראוי

## דעם שבת'דיגען טאג

פון לחם משנה וואס מען האט איף זיי געמאכט די ברכה המוציא זאל מען פון זיי נישט געבען צו א עכו"ם, נאר אויב ער טוז געבען, אזוי ווי מען פיהרט זיך דאס מען גיט א שטיקעל חלה אום שבת די משרתי עכו"ם זאל ער באקען נאך א חלה, און דערפון זאל ער זיי געבען:

לז) אם. אויב עס שטארבט ביי עמיצען ח"ו א קינד, נאט זאל אפ היטען, זאל ער אויף זיך נעהמען אז אלע יאהר זאל ער דעם טאג פאסטען, אין דעם טאג פון יאהר צייט זאל ער אלע מאל גייען אויף זיין קבר, און ער זאל טהון תשובה, ווייל מאמער איז דאס קינד געשטארבען צוליעב זיינע זינד, דרום זאל דער לעבעדיגער מענטש זיך דאס בערעכענען סים'ן גאנצען הארצען און ער זאל טהון תשובה, וועט איהם פערגעבען ווערען די זינד:

לח) ירגיל. א מענטש דארף איינגעוואהנען זיינע קינדער פון קינדווייז אן אז זיי זאלען מורא האבען פאר גאט, און דורכדעם אז זיי וועלען עלטער ווערען וועט זיך דאס פון זיי שוין אויך נישט אפ געטוהן ווערען:

לט) יהיה. א מענטש זאל זיין זעהר פארזיכטיג אז ער זאל נישט צו לאזען צום הארצען אדער צו די געדאנקען קיין געדאנק פון אן עבירה:

מ) לא. א מענטש טאר נישט אוים זאגען זיינע גוטע מעשים פאר קיין מענטש:

מא) יזהר. א מענטש דארף זיין זעהר פארזיכטיג אז ער זאל נישט זיין קיין משיג גבול פון זיין פריינד:

מב) בכל. אלע טאג אין דער וואך דארף מען געדענקען דעם טאג שבת, דהיינו עפעס אן גרייטען לכבוד שבת, און דערמיט וועט ער מקיים זיין די מצוה פון זכור את יום השבת זאלסט געדענקען א גאנצע וואך דעם טאג שבת, צו הייליגען איהם, איך דורכדעם וועט ער געדענקען אלע טאג אז גאט האט די וועלט בעשאפען, וואס שבת איז דערויף א צייכען:

מג) יזהר. א מענטש דארף זיין פארזיכטיג נישט צו רעדען קיין לשון הרע אויף יודען, דהיינו ער זאל נישט זאגען, אז דער פיהרונג ביי יודען איז נישט גוט, אדער עפעס א אנדערע שלעכטע זאך, נאר פארקעהרט ער זאל איין געוואהנען די צונג אז זי זאל רעדען גוטס אויף יודען:

מד) לא. א מענטש זאל נישט רעדען די שאנדע פון קיין בעשעפעניש, אפילו נישט פון א בהמה אדער א חי' אדער א עוף:

מה) לא. א מענטש זאל נישט דער'הרג'ענען און זאל נישט אן טהון קיין שמערצען קיין באשעפעניש אויף דער וועלט, אהנע נויטיגע נוצען:

מו) בד'. בשעת מען לייענט די פיער פרשיות, פרשת שקלים און פרשת זכור און פרשת פרה און פרשת החודש, וואס מען איז דאס מחויב צו הערען לייענען פון א ספר תורה, זאל מען זיך פיהרען דאס מען זאל צו גיין צום באלעמ'ר אין מען זאל גוט הערען די פרשה לייענדיג פון דער ספר תורה:

ראוי

# מן תורת החסידים הראשונים

## ספר חסידים החדש

מז) ראוי להתענות בכל ערב ראש חודש ולקרות בו בסדר זה, סוף פרשת פקודי וידבר ה׳ אל משה לאמר עד סוף הסדרא, כי תשא מן ועשית כיור עד כל הנוגע בהם יקדש, סוף הצוה וזה אשר תעשה עד סוף הסדר, ויקרא מן ואם עוף עד אשה ריח ניחות לה׳, פרשת צו עד על מזבח לא הכבה, ויקרא ונפש כי הקריב על כל לבנתה אשה לה׳, צו וזאת תורת המנחה עד כליל תהיה לא תאכל, ויקרא וידבר שגגות עד והיתה לכהן כמנחה, צו זאת תורת החטאת עד באש תשרף, ויקרא נפש כי תמעל מעל עד סוף הסדר, צו וזאת תורת האשם עד תהי׳ איש כאחיו, צו וזאת תורת זבח השלמים עד במדבר סיני, ויקרא ואם זבח שלמים עד וכל דם לא תאכלו, צו קח את אהרן ואת בניו עד סוף הסדרא, יחזקאל סימן מ׳ בעשרים וחמש שנה עד סופו, ישעיה סימן י״א ויצא חטר עד בקרבך קדוש ישראל, ישעיה סימן ב׳ הדבר אשר חזה עד לכו ונלכה באור ה׳, ירמיה סימן ל״א כה אמר ה׳ מצא חן עד סימן ל״ב, ירמיה סימן ר״ג כה אמר ה׳ עוד ישמע עד כי אשיב את שבותם ורחמתים, ואחר כך קורין במשנה מסכת תמיד ומדות ואחר כך תהלים:

מח) ראוי ונכון להתענות בשבעה באדר יום שמת משה רבינו עליו השלום, ולקרות בו ספר משנה תורה ג׳ פרשיות דברים ואתחנן עקב ומדליג עד פרשה כי תבא ומתחיל ויקרא משה אל כל ישראל עד סוף התורה, ומתחיל ביהושע עד כל איש אשר ימרה את פיך וגו׳ רק חזק וגו׳, מזמור תפלה למשה עד סוף מזמור לתודה שהם י״א מזמורים שאמרם משה, ואחר כך מסכת אבות, אחר כך גמ׳ פרק קמא דסוטה דף ט׳ ע״ב מי לנו גדול ממשה עד דף י״ד ע״א בסוף הפרק והוא חטא רבים נשא שכפר על מעשה עגל ולפושעים יפגיע שבקש רחמים על פושעי ישראל שיחזרו בתשובה:

מט) ראוי לת״ח או לירא שמים לדקדק ולהזהר במצות ה׳ בפני או״ים יותר מה שהוא מדקדק בינו לבין

## דעם שבת׳דיגען טאג

מז) ראוי. עס איז ועהר גלייך דאס אלע ע״ב ראש חודש זאל מען פאסטען, און מען זאל דאס זאגען, אין סוף פרשת פקודי פרשה חמישי פון וידבר ה׳ אל משה לאמר ביז דער סוף סדרא, אין פרשת תשא פון ועשית כיור נחושת ביז כל הנוגע בהם יקדש, אין סוף פרשת תצוה פון וזה אשר תעשה ביז דער סוף פרשה, אין פרשת ויקרא פון ואם עוף ביז אשה ריח ניחוח לה׳, אין פרשת צו ביז על מזבח לא תכבה, אין פרשת ויקרא פון ונפש כי הקריב ביז כל לבנתה אשה לה׳, אין פרשת צו פון וזאת תורת המנחה ביז כליל תהי׳ לא תאכל, אין פרשת ויקרא פון וידבר פרשה חמישי ביז והיתה לכהן כמנחה, אין פרשת צו פון זאת תורת החטאת ביז באש תשרף, אין פרשת ויקרא פון נפש כי תמעול מעל ביז׳ן סוף פרשה, אין פרשת צו פון וזאת תורת האשם ביז תהי׳ איש כאחיו, אין פרשת צו פון וזאת תורת זבח שלמים ביז במדבר סיני, אין פרשת ויקרא פון ואם זבח שלמים ביז וכל דם לא תאכלו, אין פרשת צו פון קח את אהרן ואת בניו ביז׳ן סוף סדרא, יחזקאל קפיטל מ׳ פון בעשרים וחמש שנה ביז׳ן סוף. ישעי׳ קפיטל י״א פון ויצא חוטר ביז בקרבך קדוש ישראל, ישעי׳ קפיטל ב׳ פון הדבר אשר חזה ביז לכו ונלכה באור ה׳, ירמי׳ קפיטל ל״א פון כה אמר ה׳ מצא חן ביז קפיטל ל״ב, ירמי׳ קפיטל ל״ג כה אמר ה׳ עוד ישמע ביז כי אשוב את שבותם ורחמתים, דערנאך דארף מען לערנען די משניות פון מסכת תמיד און מדות, און דערנאך זאל מען זאגען תהלים:

מח) ראוי. עס איז זעהר גלייך אז מען זאל פאסטען דעם זיעבעטען טאג אינ׳ם חודש אדר, דעם טאג וואס עס איז נפטר געווארען משה רבינו עליו השלום, און מען זאל לערנען די דריי פרשות, דברים, און ואתחנן, און עקב, און דערנאך זאל מען לערנען אין פרשת תבוא פון ויקרא משה אל כל ישראל ביז דער סוף תורה, און דערנאך זאל מען לערנען אין יהושע פון אנהייב ביז כל איש אשר ימרה את פיך וגו׳ רק חזק, דערנאך זאל מען זאגען אין תהלים פון תפלה למשה ביז נאך מזמור לתודה, וואס דאס זענען די עלף קפיטלעך וואס משה רבינו האט זיי געזאגט, דערנאך זאל מען לערנען די מסכת אבות, דערנאך זאל מען לערנען אין ערשטען פרק פון מסכת סוטה פון מי לנו גדול ממשה אין דף ט׳ ע״ב ביז והוא חטא רבים נשא אין דף י״ד אין סוף פרק שכפר על מעשה עגל, וואס דורך משה׳ן האט גאט מכפר געווען אויף מעשה העגל או[...]יי עס שטייט ולפושעים יפגיע ער האט געבעטען רחמים אויף די פושעי ישראל אז זיי זאלען תשובה טהון:

מט) ראוי. עס איז זעהר גלייך פאר יעדען ערהרליכען יוד דאס פאר לייטען זאל ער זיך זעהר פילעווען און

## ספר חסידים החדש

לבין עצמו, כדי שילמדו ממנו אחרים, וראיה מירושלמי מסכת דמאי פרק מאכילין את עניים דמאי
מעשה דרבי ועירא עיין שם:

ג) נכון לגמור תרי"ג מצות בכל שבת באיזה חדר המסוגר במנין המצוה בספר תיקון ליל שבועות
או בשאר ספרים, וראוי לרשום לו תרי"ג מצות בקיצר נמרץ בסדר התורה ולחזור אותן
בעל פה ולגמור אותן בעל פה בכל שבת באשר דלכ"ע בשבת נתנה התורה:

נא) בימי חנוכה ראוי לעסוק בהודאות ושבח לאל יתברך, ולא לבלות ימים קדושים האלו בהבלי
הבלים כמנהג רע הנתפשט בינינו בעו"ה לשחוק בקוביא וקרטין בימים האלו, וכל ימי
תמהתי על מנהג זה, ובוודאי חכמים ומנהיגים הראשונים אשר התירו לשחוק דווקא בימים אלו הי'
להם איזה טעם על זה: (הגה"ה. ולפענ"ד בא להם זה כאשר שמצאתי ראיתי בספר לבוש הלכות
חנוכה סי' תר"ע סוף סעיף א' וז"ל במקום שנוהגין איסור מלאכה כל היום אין להתיר להם וכו',
וכתבו ע"ז בספר אליהו זוטא בשם ש"ג וז"ל טוב לבטל מנהגן שבטלה מביא לידי שיעמום ויש נשים
בטיל' וכו' ע"ש, ולפ"ד משום זה הנהיגו להתיר השחוק באותן הימים דיוכל להיות שהיו נוהגין
באותן ימים איסור מלאכה לנשים כמו שמביא הלבוש הנ"ל, והיו חוששין שלא יבואו הנשים לידי
קלות ראש ח"ו כאשר בטילה מביא לידי שעמום ולידי זימה, ובוודאי כל מנהגן של ישראל יש לו
איזה יסוד על מה הוקבע, ע"כ עכשיו שאין אנו נוהגין כלל איסור מלאכה באותן הימים אין לו שום
יסוד וסמך להתיר השחוק בקוביא וקרטין. ע"כ הגה"ה:) ע"כ אהובי בניי אל תשבו בסוד משחקים
באותן ימים אפי' שעה מועטת לא מני' ולא מקצת', כי כך דרכו של יצה"ר היום אמר לו כו', רק
תעסקו

## דעם שבת'דיגען טאג

אין מצות, נאך מעהר ווי ער פילעוועט זיך פאר זיך, כדי פרעמדע מענטשען זאלען זיך
פון איהם אפ לערנען, און דאס איז א ראיה פון ירושלמי מסכת דמאי [פרק מאכילין את העניים דמאי]
די מעשה פון רבי ועירא:

ג) נכון. עס איז זעהר גלייך דאס אלע שבת זאל מען ענדיגען די תרי"ג מצות פון ספר תיקון ליל
שבועות אדער פון א אנדער ספר, און עס איז זעהר גלייך דאס מען זאל זיך אויף צייכענען
אלע זעקס הונדערט און דרייצעהן מצות בקיצור, לויט דעם סדר פון דער תורה, און מען זאל זיי
אלע מאל חזר'ן פון אויסענווייניג, און אלע שבת זאל מען זיי ענדיגען, דען אלע האלטען דאס אום
שבת האט מען נעגעבען די תורה, דארף מען שבת חזר'ן אלע תרי"ג מצות:

נא) בימי. די טעג פון חנוכה איז זעהר גלייך דאס מען זאל זיך שטענדיג בעשעפטיגען מיט לויבען
נאט ברוך הוא, און נישט פערברענגען די הייליגע טעג מיט נארישקייט, אזוי ווי עס
איז געווארען ביי אונז פערשפרייט דאס שלעכטע פיהרונג צו שפיעלען אין קארטען אין די הייליגע
טעג, און פון אייביג אן וואונדער איך זיך אויף דעם מנהג, און געוויס די רבנים וואס האבען דאס
מתיר געווען צו שפיעלען דורכאויס אין די טעג האבען זיי געוויס דערויף געהאט עפעס א טעם:
(הגה"ה. עס איז מעגליך אז דער טעם דערפון איז ווייל עס שטייט אין ספר לבוש הלכות חנוכה סי'
תר"ע סוף סעיף א' אינ'ם ארט וואס ווייבער פיהרען זיך נישט צו טהון קיין ארבייט א גאנצען טאג
טאר מען זיי נישט ערלויבען טהון קיין ארבייט, שרייבט דערויף דער ספר אליהו זוטא אינ'ם נאמען
פון שלטי גבורים אז עס איז זעהר גלייך דאס מען זאל מבטל זיין דעם מנהג, דען דאס ליידיג גיין
ברענגט צו שגעון, על כן איז פאראהאנדען ווייבער וואס געהן ליידיג, דרום געפעהלט מיר צו זאגען
אז דערום האט מען איינגעפיהרט צו ערלויבען צו שפיעלען אין די טעג, ווייל מען האט זיך געפיהרט
אין די טעג אז די ווייבער האבען נישט געטהון קיין ארבייט, אזוי ווי עס שטייט אין לבוש, האבען
די רבנים מורא געהאט אז די ווייבער זאלען דורכדעם נישט קומען צו שגעון און צו זימה ווייל דאס
ליידיג געהן ברענגט דאך צו נישט אנשטענדיגקייט, זעהט מען דערפון אז יעדער יודישער מנהג האט
עפעס א פונדאמענט, נאר היינטיגע צייט וואס מיר פיהרען זיך נישט, נישט צו טהון קיין מלאכה
אום חנוכה, איז דאך ממילא בטל געווארען די מורא פון דעם ליידיג געהן דרום איז נישט דא קיין
היתר אויף צו שפיעלען אין קארטען. ע"כ הגה"ה:) דרום ליעבע קינדער איהר זאלט נישט זיצען צו
זאמען מיט דער קאמפאניע וואס שפיעלט אין קארטען אין די טעג, אפילו נישט א קורצע צייט,
נישט מיט זיי און נישט מיט קיין ביסעל פון זיי, דען אזוי איז דער שטייגער פון יצר הרע, היינט
זאגט ער טהו דאס קלייניגקייט, און מארגען וועט ער שוין הייסען טוהן עפעס א גרעסערע זאך, ביז
ער

## ספר חסידים החדש

העסקו בהורת ה׳, וליתן שבח והודאה לאל יתיש אשר הציל אותנו מאויבינו הקמים עלינו באותן הימים, ובאורים כבדו ה׳, כי עיקר הנס מפורסם היה בגרוה באותן ימים קדושים, ולהוסיף אותם ביראת ה׳ ואז טוב לכם:

נב) ילמוד פירוש הפייטן ויוצרות של שבתות וימים טובים:

נג) ראוי ונכון להרבות בפירות אילן בחמשה עשר בשבט ולברך עליהם בכוונה כי אז הוא ראש השנה לאילנות, ודבר בעתו מה טוב:

נד) כשמברך ברכת המזון יברך בקול רם כדי לעורר ב״ב:

## סליק בסיעתא דשמיא

---

## דעם שבת׳דיגען טאג

ער פערפיהרט אין גאנצען דעם מענטש, נאר איהר זאלט זיך בעשעפטיגען מיט גאט׳ס תורה, און איהר זאלט דאנקען און לויבען גאט וואס ער האט אונז בעשערעטט פון אונזערע פיינד וואס זענען די טעג אויף אונז אויפגעשטאנען, און מיט ליכט דארף מען גאט עהרליך האלטען, דען דער בעוואוסטער נס איז געווען די טעג אין די ליכט, אין די טעג דארף מען נאך מעהר מורא האבען פאר גאט, און דעמאלט וועט אייך גוט זיין:

נב) ילמוד. מען דארף לערנען דעם טייטש פון פיוט און פון יוצרות פון שבת און ימים טובים:

נג) ראוי. עס איז זעהר גלייך אז דעם פונפצעהנטען טאג אין חודש שבט זאל מען מעהרען צו עסען פירות, און מאכען אויף זיי א ברכה מיט פול כוונה, דען דעמאלט איז ראש השנה צו די בוימער, און יעדער זאך אין זיין צייט איז זעהר גוט:

נד) כשמברך. אז מען בענטש זאל מען בענטשען מיט א הויכע שטימע כדי צו דערוועקען זיין הויז געזונד זאלען אויך וויסען צו דאנקען און צו לויבען גאט:

---

## השמטה מסוף הספר קיצור ס״ח בעמוד האחרון.

אמנם הקשה לי בענין זה ת״ח אחד בבית מדרשנו של ר׳ מענדל ראנד והוא בנש״ק וביקש ממנו להעלים שמו קושי׳ עצומה לפי מה דקיי״ל בכל הפוסקים ראשונים ואחרונים הנ״ל דאם העולה לתורה ואינו קורא בלחש עם הבעל קורא הוי ברכה לבטלה א״כ איך נפרנס דברי הל״ח הובא במג״א סי׳ ס״ו סק״ח דאם קראוהו לכהן באמצע ק״ש דנוהגים שיעלה כתב שם המג״א בשם הל״ח דאז לא יקרא עם החזן, יקשה מאד הא הוי ברכה לבטלה כנ״ל שהוא בלאו דלא תשא, אבל ראיתי בזה שהיא כיון בקושיתו לדעת הגדול הפרמ״ג בא״ח ח׳ שהוא הקשה כן ונשאר בצ״ע על הלכה זו. אמנם מצאתי שאהבת נפשי כרבו של הל״ח הלבוש שפסק בפירוש בסי׳ ס״ו שהכהן זה צריך ג״כ לקרות עם הבעל קורא דלא כתלמודו הל״ח, ע״כ נרלפענ״ד דאם אחד רוצה לסמוך על הלבוש בזה מיראת ברכה לבטלה כקושית הפרמ״ג הא הוי ברכה לבטלה ונשאר בצ״ע על הפסק הל״ח ויסמוך עצמו על אילן הגדול הזה הלבוש רבו של הל״ח ז״ל לא הפסיד לפענ״ד. ותבא עליו ברכה.